נ. וו. גאָגאָל

# דער רעוויזאָר

קאָמעדיע אין 5 אַקטן

יידיש: ז. סעגאַלאָוויטש

פאַרלאַג „די צייט"

וואַרשע 1922

נאכדרוק פארבאָטן.

Copyright 1922
by Sol Sheikewitz
New-York.

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

דרוקעריי
„רעקאָרד"
װאַרשא דזיקא 18

## פון איבערזעצער

אין די דרייסיקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, בעת גאָגאָל האָט געשריבן זיין „רעוויזאָר“, אין יענע צייטן האָט דער רוסישער שרייבער און דער רוסישער אינטעליגענט זיך שטאַרק געקעכלט מיטן רוסישן פאָלקלאָר.

יעדער עכט־רוסישער אויסדרוק, יעדעס לידל, יעדע עכט־רוסישע קללה איז געזאַמלט און פאַרצייכנט געוואָרן.

גאָגאָל איז נישט פריי געווען פון דעם דאָזיקן איינפלוס, די קאָמעדיע איז פול מיט שפּראַך־ווערטלעך פון די אַלע רוסישע שטעדט און דערפלעך, אַרומגעוויקלט מיט אַ פעסטן נאַציאָנאַלן דראָט, וואָס לאָזט נישט צו צו זיך...

דערפאַר טאַקי איז גאָגאָל נישט געוואָרן אַזוי אוניווערסאַל, ווי מאָליער און אַנדערע.

איבערטראָגן דאָס אין יידיש?

אויף אַ סך קאָמפּראָמיסן האָט דער איבערזעצער געמוזט גיין, עס זאָל כאָטש עפּעס בלייבן פון גאָגאָלס סביבה.

און דער עיקר: דער איבערזעצער האָט געוואָלט אַריינברענגען אין יידיש גאָגאָלס געלעכטער...

דער עולם אין טעאַטער לאַכט גוטמוטיק, לאַכט מיטן גאַנצן האַרצן אין אַלע פינף אַקטן...

אפשר איז עס אַ שטיקל באַשטעטיקונג

## פּערזאָנען:

אַנטאָן אַנטאָנאָוויטש סקוואָזניאַק-דמוכאַנאָווסקי (גאָראָדניטשי)

אַנאַ אַנדרעעוונאַ, זיין פרוי

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ, זייער טאָכטער

לוקאַ לוקיטש כלאָפּאָוו, אַ שול-אויפזעער

אַמאָס פעדעראָוויטש ליאַפּקין-טיאַפּקין, אַ ריכטער

אַרטעמי פיליפּאָוויטש זעמליאַניקאַ (פּאָפּעטשיטעל)

איוואַן קוזמיטש שפּעקין, פּאָסט-מייסטער

פּיאָטר איוואַנאָוויטש דאָבטשינסקי | שטאָטישע פריצים
פּיאָטר איוואַנאָוויטש באָבטשינסקי | שטאָטישע פריצים

איוואַן אַלאַקסאַנדראָוויטש כלעסטאַקאָוו, א באַאַמטער פון פּעטערבורג

אָסיפּ, זיין דינער

סטעפּאַן איליטש אוכווערטאָוו, אַ פּריסטאַוו

דערזשימאָרדאַ | פּאָליציאַנטן
סוויסטונאָוו | פּאָליציאַנטן

אָבדולין אַ סוחר

פּאָוראָניאַ פּעטראָוונאַ פּאשלעלקינא, אַ שלאָסערקע

מישקע, אַ דינערין

אַ טראַקטיר באַדינער

אַ פרוי פון אַ אונטעראָפיציר

# ערשטער אַקט.

א צימער באַם גאָראָדניטשי

---

## בילד 1

**דער גאָראָדניטשי, דער פּאָפּעטשיטעל, דער שול־אויפזעער,**

**־ער ריכטער, דער פּריסטאוו, דער דאָקטאָר,**

**צוויי פּאָליציאַנטן.**

דער גאָראָדניטשי

— איך האָב אייך פאַרבעטן, מיינע הערן, אייך אָנצוזאָגן אַ טרויע־ריקע בשורה: צו אונז פאָרט אַ רעוויזאָר.

אַמאָס פיאָדאָראָוויטש

— וואָס, אַ רעוויזאָר?

אַרטעמי פיליפּאָוויטש

— ווער, אַ רעוויזאָר?

דער גאָראָדניטשי

— אַ רעוויזאָר, פון פעטערבורג, ער פאָרט אינקאָגניטאָ און דערצו נאָך מיט אַ געהיימער שליחות.

אַמאָס פיאָדאָראָוויטש

אָט האָסטו דיר...

אַרטעמי פיליפּאָוויטש

נישט געהאַט קיין זאָרגן, האָסטו זיי.

לוקאַ לוקיטש

גאָט מיינער! און דערצו נאָך מיט אַ געהיימער שליחות...

**דער גאָראָדניטשי**

איך האָב עס פאָרגעפילט. היינט האָבן זיך מיר אַ גאַנצע נאַכט געחלומט צוויי גרויסע, אומגעוויינלעכע מייז — אַזעלכע האָב מיך נאָך קיינמאָל נישט געזען. שוואַרצע, אומנאַטירלעך גרויסע... זענען זיי צוגעקומען, מיך אַרומגעשמעקט און אַנטלאָפן... אָט וועל איך אייך פאָרלייענען אַ בריוו, וואָס איך האָב דערהאַלטן פון אַנדריי איוואַנאָוויטש טשמיכאָוו, איר, אַרטעמי פיליפּאָוויטש, קאָנט אים דאָך. הערט זיך איין, וואָס ער שרייבט: „ליבער פריינט, מחותן און וווילטוער” (ברומט עפּעס מיט אַ האַלבן קול, לויפנדיק פלינק מיט די אויגן). יאָ, „איך אייל מיטצוטיילן, אַז עס איז אָנגעקומען אַ באַאַמטער מיט אַ באַפולמעכטיקונג צו קאָנטראָלירן די גאַנצע גובערניע און איבערהויפּט אונדזער קרייז (הייבט־אויף פילדייטיק די אויגן). איך האָב זיך עס דערוווּסט פון באַגלייבטע מענטשן, כאָטש ער שטעלט זיך פאָר פאַר אַ פּריוואַטע פּערזאָן. און אַזוי ווי איך ווייס, אַז דו ביזט, ווי יעדער בשר-ודם, נישט אינגאַנצן ריין פון זינד, ווייל דו ביזט אַ מענטש נישט קיין נאַר און האָסט נישט פיינט דורכצולאָזן דאָס, וואָס עס קלעפּט זיך צו די פינגער (שטעלט זיך אָפּ). דאָס איז אונזערס... „דעריבער גיב איך דיר אַן עצה, זאָלסט זיין פאָרזיכטיק, ווייל ער קאָן קומען יעדע שעה”, אויב ער איז שוין נישט געקומען פאַרשטעלטערהייט. „נעכטן”, נאָר דאָ גייען שוין פאַמיליע-ענינים: „די שוועסטער אַננאַ קירילאָוונאַ איז נעכטן געקומען צו אונדז מיט איר מאַן. איוואַן קירילאָוויטש איז זייער דיק געוואָרן און ער שפּילט נאָך אַלץ פידל”.. און נאָך, און נאָך... אָט אַזאַ לאַגע...

**אַמאָס פיאָדאָראָוויטש**

יאָ, אַ לאַגע, אַן אומגעוויינלעכע, נישט קיין פריילעכע, גאָר נישט קיין פריילעכע, עפּעס נישט אומזיסט...

**לוקאַ לוקיטש**

צו וואָס איז דאָס? אַנטאָן איוואַנאָוויטש! צו וואָס? צו וואָס קומט צו אונדז דער רעוויזאָר?

**דער גאָראָדניטשי**

צו וואָס? אַזוי איז שוין באַשערט, אפנים (זיפצט). ביז איצט האָט

ער געשנאָרכט אין אַנדערע שטעט, איצט איז געקומען אונדזער גורל.

אַמאָס פּיאָדאָראָוויטש

איך טראַכט, אַנטאָן אַנטאָנאָוויטש, אַז דאָ איז אַ פאַרבאָרגענע און אַ גרויסע פּאָליטישע סיבה. דאָס זאָל באַדייטן אָט וואָס: רוס־לאַנד... וויל פירן מלחמה און די מיניסטאָרן האָבן אונטערגעשיקט אַ באַאַמטן, ער זאָל אויסקוקן, צי דאָ איז נישטאָ קיין פאַרראַט...

דער גאָראָדניטשי

לאָזט געמאַך! ווי זענט איר פאַרקראָכן? און נאָך אַ קלוגער מענטש דערצו! בײַ אונדז אין שטאָט אַ פאַרראַט! אונדזער שטאָט ליגט דען בײַ אַ גרענעץ, וואָס? פון דאַנען קאָנסטו דריי יאָר רייטן, ווּעסטו צו קיין אַנדער מלוכה נישט דערפאָרן...

אַמאָס פּיאָדאָראָוויטש

ניין, איך וועל אייך זאָגן... איר... איר ווייסט נישט... נאַטשאַל־סטוואָ האָט דאָ אַ פאַרבאָרגענע כּוונה... עס מאַכט נישט אויס, וואָס עס איז ווייט... עס ליגט אָבער אויפן אויג...

דער גאָראָדניטשי

יאָ אויפן אויג, צי נישט אויפן אויג! איך האָב אייך, גאָספּאָדאַ, מזהיר געווען, קוקט גוט אין אייערע אָפּטיילונגען. איך האָב שוין געמאַכט פאַראָרדנונגען, דאָס זעלבע גיב איך אייך אַן עצה, אי־בערהויפּט אייך, אַרטעמי פיליפּאָוויטש! עס איז קיין ספק נישט, אַז דער באַאַמטער וועט פריער ווי אַלץ וועלן באַקוקן צדקה־חברות, וועלכע זענען אונטער אייער השגחה און דעריבער מאַכט, אַז אַלץ זאָל זיין אָנשטענדיק: די חדרים זאָלן זיין ריין און די קראַנקע זאָלן נישט אויסזען ווי די קוימענקערערס.

אַרטעמי פיליפּאָוויטש

נו, דאָס איז אַ קלייניקייט, מען קאָן מאַכן ריין די צימערן.

דער גאָראָדניטשי

יאָ, און איבער יעדן בעט זאָל זיין אַן אויפשריפט אויף לאַטיין אָדער עפּעס אויך אַן אַנדער לשון... דאָס איז שוין אייער זאַך... כריסטיאַן איוואַנאָוויטש—יעדע קראַנקהייט, ווען, און וועלכן טאָג יעדער איז קראַנק געוואָרן... עס טויג נישט, וואָס בײַ אייך

רייכערן די קראַנקע אַזאַ שטאַרקן טאַבאַק, אַז יעדעס מאָל, ווען מען קומט אַריין צו אייך, מוז מען נעמען ניסן און עס וואָלט בעסער געווען, ווען זיי וואָלטן נישט זיין אין אַזאַ צאָל: דאָס אַלץ וועט דאָך אויסגיין צום דאָקטאָרס קאָפּ.

אַרטעמי פיליפּאָוויטש

וועגן דאָקטאָריע האָבן מיר שוין מיט כריסטיאַן איוואַנאָוויטשן אָנגענומען מיטלען: וואָס נענטער צו דער נאַטור, אַלץ בעסער. קיין טייערע רפואות באַנוצן מיר נישט. אַ פּראָסטער מענטש, אויב ער שטאַרבט, וועט ער דאָך סיי ווי שטאַרבן; אויב ער וועט געזונט ווערן, וועט ער דאָך סיי ווי געזונט ווערן און כריסטיאַן איוואַנאָוויטש קאָן מיט זיי זיך אַפילו נישט צענויפרעדן, ער קאָן קיין וואָרט רוסיש ניש־

כריסטיאַן איוואַנאָוויטש

לאָזט אַרויס אַ קלאַנג.

דער גאָראָדניטשי

אייך, אַמאָס פיאָדאָראָוויטש, וואָלט איך געראַטן, אַכטונג צו געבן אויף די קאַנצעלאַריעס און קאָרידאָרן. ווו די אינטערעסאַנטן וואַרטן, האָדעווען די באַדינער געגנדז מיט קליינע געגנדזעלעך, וועלכע קריכן אונטער די פיס. מיט הויז-ווירטשאַפט מעג זיך יעדערער פאַרנעמען, אדרבה, אַפילו אַ דינער אויך, נאָר אין אַזאַ אָרט איז עס נישט אָנשטענדיק. איך האָב אייך שוין פריער אויף דעם געוואָלט אויפמערקזאַם מאַכן, נאָר איך האָב אַלץ פאַרגעסן...

אַמאָס פיאָדאָראָוויטש

היינט שוין וועל איך זיי הייסן צונעמען אין קיך אַריין.

דער גאָראָדניטשי

אויסער דעם איז נישט גוט, וואָס בײַ אייך אין דער קאַנצעלאַריע טרוקענען זיך אַלע חזירייען און איבער דער שאַפע הענגט אַ יעגער-בייטש... איך ווייס, איר האָט ליב יאַגד, נאָר אויף אַ צייט דאַרף מען עס אַלץ צונעמען און דערנאָך, ווען דער רעוויזאָר וועט אַוועקפאָרן, וועט מען עס ווידער קאָנען אויפהענגען... איך אייער סעקרעטאַר, כאָטש ער איז אַ מענטש מיט פאַרשטאַנד, נאָר פון אים טראָגט זיך אַ ריח, ווי פון אַ שנאַפּס-פאַבריק, דאָס

איז נישט גוט. איך האָב שוין לאַנג וועגן דעם אייך געוואָלט זאָגן. עס איז פאַראַן געגן דעם אַ מיטל. אויב עס איז שוין באַ אים אין דער אמתן, ווי ער זאָגט, אַן איינגעבוירענער ריח, טאָ זאָל ער עסן ציבעלע, אָדער קנאָבל, מען קאָן אים אויך העלפן מיט פאַרשידענע רפואות, כריסטיאַן איוואַנאָוויטש.

כריסטיאַן איוואַנאָוויטש

לאָזט אַרויס אַ ברום.

אַמאָס פיאָדאָראָוויטש

ניין, דאָס איז שוין אוממעגלעך אַרויסצעטרייבן. ער זאָגט, אַז נאָך אין זיין קינדהייט האָט אים זיין אַם צעקלאַפּט און פון דעמאָלט אָן טראָגט זיך פון אים דער שנאַפּס-ריח.

דער גאָראָדניטשי

דאָס האָב איך אייך אַזוי זיך געזאָגט און מכּח דעם, וואָס אַנדריי איוואַנאָוויטש רופט אָן אין זיין בריוו עבירהלעך, קאָן איך גאָרנישט זאָגן, עס איז נישטאָ קיין מענטש, וועלכער זאָל זיין ריין פון זינד, דאָס איז שוין פון גאָט אַליין אַזוי געמאַכט גע-וואָרן און אומזיסט פּראָטעסטירן אַנטקעגן דעם די וואָלטער-יאַנער.

אַמאָס פיאָדאָראָוויטש

וואָס מיינט איר מיט דעם, אַנטאָן אַנטאָנאָוויטש? עבירהלעך? פאַראַן פאַרשידענע עבירות... איך זאָג אַלעמען אָפן, אַז איך נעם אין יד אַריין. מיט ראַסאָווע הינטעלעך—דאָס איז שוין גאָר אַן אַנדער זאַך...

דער גאָראָדניטשי

מיט הינטעלעך, אָדער מיט עפּעס אַנדערש—אַלץ איינס: כּאַבאַר!

אַמאָס פיאָדאָראָוויטש

ניין, אַנטאָן אַנטאָנאָוויטש, אויב, למשל, אַ פעלץ, וואָס קאָסט פינפהונדערט רובל, אָדער פאַר דעם ווייב אַ שאַל...

דער גאָראָדניטשי

דאָס איז גאָרנישט, וואָס איך קויפט מען אונטער מיט אַ הינטל... דערפאַר אָבער גלייבט איר נישט אָן גאָט און אין צערקווע גייט איר נישט. איך, אָבער, גלייב שטאַרק און יעדן זונטיק קום איך

אין צערקווע... און איר, איך קען אייך. ווען איר נעמט רעדן, ווי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן — שטעלן זיך מיר די האָר קאַפּויער.

**אַמאָס פּיאָדאָראָוויטש**

איך בין צו דעם דערגאַנגען מיט מיין אייגענעם שכל.

**דער גאָראָדניטשי**

אַ סך מאָל איז צופיל שכל ערגער, ווי עס וואָלט אינגאַנצן קיין שכל נישט געווען. איבעריקס, איך האָב זיך גלאַט אַזוי צערעדט וועגן ריכטער, און דער אמתן וועט דאָרט קיינער נישט אַריינקוקן. גאָט אַליין באַשיצט אים. נאָר איר, לוקאַ לוקיטש, ווי אַן אויפזעער אויף די שולן, איר דאַרפט אַ טראַכט-טאָן וועגן די לערער... זיי זענען טאַקי מענטשן געבילדעטע און געלערנטע, נאָר זיי האָבן מאָדנע מידות, איינער פון זיי, למשל דער, וואָס האָט אַ דיק פּנים, איך געדענק נישט זיין נאָמען, ער קאָן זיך מאַר קיין פאַל נישט אָפּגעוויינען פון איין זאַך: איידער ער גייט אַרויף אויף דער קאַטעדרע, מוז ער מאַכן אַזאַ גרימאַסע (מאַכט אַ גרימאַסע) און דערנאָך נעמט ער מיט זיין האַנט גלעטן דאָס בערדל. פאַרשטייט זיך, אַז אויב ער מאַכט די שילער אַזאַ מינע איז דאָס גאָרנישט און אפשר באַדאַרף אַזוי זיין, וועגן דעם קאָן איך נישט רעדן, נאָר אויב ער וועט עס טאָן פאַר דעם רעוויזאָר, קאָן זיך דאָס ענדיקן זייער שלעכט. דער רעוויזאָר וועט עס נעמען אויף זיין השבון. דער טייוול אַליין ווייס, וואָס פון דעם קאָן נאָך אַרויסקומען.

**לוקאַ לוקיטש**

וואָס זאָל איך מיט אים מאַכן? איך האָב אים שוין עטלעכע מאָל געזאָגט. אָט נאָך די טעג איז אין זאַל אַריין דער פּרעדוואָדיטעל דוואָריאַנסטוואָ און עס איז געשען די זעלבע זאַך, ער האָט אויסגעקרימט די צורה, דער לערער, אַזוינס האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזען. ער האָט עס געמאַכט אָן אַ שלעכטן מיין און איך האָב געכאַפּט — אַ פאָרוואורף: פאַרוואָס מען פלאַנצט איין אין די קינדער אַזעלכע פרייזיניקע געדאַנקען.

דער גאָראָדניטשי

דאָס זעלבע באַדאַרף איך אייך אָנווייזן וועגן דעם לערער פֿון היסטאָריע, ער האָט אַ געלערנטן קאָפּ, דאָס זעט מען, אַז וויסנשאַפֿט האָט ער אָנגעכאַפּט אַ ים, נאָר ער דערקלערט עס מיט אַזאַ פֿייער, אַז ער פֿאַרגעסט זיך אַליין. איך האָב אים איינמאָל געהערט, ער האָט גערעדט וועגן בבל און אשור. דאָס איז נאָך גאָרנישט, נאָר ווי ער איז צוגעקומען צו אַלעקסאַנדער מוקדון, קאָן איך אייך נישט איבערגעבן, וואָס מיט אים האָט זיך אָפּגעטאָן. איך האָב געמיינט: עס ברענט, זאָל גאָט אויסהיטן! ער איז אַראָפּגעלאָפֿן פֿון דער קאַטעדרע און מיט אַלע כּוחות אַ זעץ־געטאָן אַ שטול אָן דרערד. מילא! אלעקסאַנדער מוקדון איז געווען אַ גרויסער העלד, אָבער, צו וואָס ברעכן די שטולן, דאָס איז דאָך בלויז אַ היזק פֿאַר דער מלוכה.

לוקא לוקיטש

יאָ, ער איז אַ היציקער, איך האָב אים דאָס שוין עטלעכע מאָל באַמערקט. ענטפֿערט ער מיר, אַז פֿאַר דער וויסנשאַפֿט וועט ער אַפֿילו זיין לעבן נישט שאַנעווען.

דער גאָראָדניטשי

יאָ, אַזוי איז עס שוין, אַזאַ געזעץ פֿון דער נאַטור: אַ קלוגער מענטש איז אָדער אַ שיכּור, אָדער ער מאַכט דיר אַזאַ קרומע צורה, אַז כאָטש נעם און אַנטלויף.

לוקאַ לוקיטש

היט מיך גאָט צו דינען דער וויסנשאַפֿט, פֿאַר אַלץ האָסטו מורא. יעדערער מישט זיך אַריין, יעדערן ווילט זיך ווייזן, אַז ער איז אויך אַ קלוגער מענטש...

דער גאָראָדניטשי

דאָס וואָלט נאָך אַלץ גאָרנישט געווען—דער פֿאַרשאָלטענער אינקאָגניטאָ! פּלוצלונג וועט ער אָנקומען. „האַ, אורהימלעך, איר זענט דאָ? ווער פֿון אייך איז דער ריכטער? ליאַפּקין־טיאַפּקין. גיט מיר אַהער דעם ליאַפּקין־טיאַפּקין!—ווער איז דאָ דער פּאָפּעטשיטעל זעמליאַניקאַ! גיט אַהער דעם זעמליאַניקאַ!” שלעכט!...

## בילד II

### די זעלבע מיטן פּאָסטמייסטער.

**דער פּאָסטמייסטער**
ערקלערט מיר, גאָספּאָדאַ, וואָס פאַר אַ באַאַמטער פאָרט עס אהער?

**דער גאָראָדניטשי**
צי האָט איר נאָך גאָרנישט געהערט?

**דער פּאָסטמייסטער**
איך האָב געהערט פון פּיאָטר איוואַנאָוויטש באָבטשינסקין, ער איז נאָר וואָס געווען באַ מיר אין פּאָסט-קאָנטאָר.

**דער גאָראָדניטשי**
נו, וואָס? וואָס טראַכט איר וועגן דעם?

**דער פּאָסטמייסטער**
וואָס איך טראַכט? עס וועט זיין אַ מלחמה מיט די טערקן.

**אַמאָס פיאָדאָראָוויטש**
דאָס זעלבע וואָס איך.

**דער גאָראָדניטשי**
ביידע מיטן פינגער אין הימל געטראָפן.

**דער פּאָסטמייסטער**
דוקא אַזוי. אַ מלחמה מיט די טערקן. דאָס איז דעם פראַנצויזס אַרבעט...

**דער גאָראָדניטשי**
וואָס פאַר אַ מלחמה מיט די טערקן? עס וועט אייך שוין אָן די טערקן זיין פריילעך, איך האָב אַ בריוו...

**דער פּאָסטמייסטער**
נו, אויב אַזוי, וועט קיין מלחמה מיט די טערקן נישט זיין.

**דער גאָראָדניטשי**
נו וואָס, איוואַן קוזמיטש, ווי איז מיט אייך?

**דער פּאָסטמייסטער**
מיט מיר? איך ווייס... און מיט אייך, אַנטאָן אַנטאָנאָוויטש?

**דער גאָראָדניטשי**
מיט מיר? קיין שרעק איז נישטאָ, נאָר אַזוי אַביסעלע... די

סוחרים מיט די איינוווינער מאַכן מיך מוטלאָז. מען זאָגט, אַז איך בין זיי געווען, ווי אַ ביין אין האַלדז און איך? באַ גאָט איז דער אמת, אויב איך האָב גענומען ביי דעם, צי באַ יענעם, איז דאָס אָן אַ שום שינאה, איך טראַכט אַפילו (נעמט אים אונטער דער האַנט און פירט אים אָפּ אָן אַ זײַט), איך טראַכט אַפילו, אַז אויף מיר איז געווען אַ מסירה. צוליב וואָס טאַקע קומט אַהער דער רע-ווידזאָר! הערט זיך איין, איוואַן קוזמיטש, צי קאָנט איר נישט צוליב אונזער ביידנס נוצן עפּעגען יעדעס בריוועלע, וואָס קומט אַריין און גייט אַרויס פון אייער פּאָסט-קאַנטאָר? אַזוי זיך אָפּזיג-לען און איבערלייענען, אפשר אַ מסירהלע? און דערנאָך קאָן מען עס ווידער פאַרזיגלען...

**דער פּאָסטמייסטער**

איך ווייס, איך ווייס, דאָס דאַרפט איר מיך נישט לערנען. איך טו עס אָפּט און נישט פאַר פאָרזיכטיקייט, נאָר גלאַט, פון נייגערי-קייט. איך האָב געוואַלטיק ליב צו וויסן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, עס איז זייער אינטערעסאַנט צו לייענען. אַן אַנדער בריוו לייענסטו מיט אמתער הנאה: עס באַשרייבן זיך אַזעלכע היסטאָריעלעך, בעסער, ווי אין די „מאָסקאָווסקיו ווידאָמאָסטי“.

**דער גאָראָדניטשי**

און איר האָט גאָרנישט געפונען אין די בריוו וועגן אַ באַאמטן פון פּעטערבורג?

**דער פּאָסטמייסטער**

ניין, וועגן פּעטערבורגער גאָרנישט, וועגן קאָסטראָמער און סאַראַ-טאָווער שרייבט מען יאָ אַ סך, אַ שאָד זייער, וואָס איר לייענט נישט קיין פרעמדע בריוו, פאַראַן אין זיי גאָלדענע ערטער. נישט לאַנג האָט איינער אַ פּאָרוטשניק אָנגעשריבן צו זיינעם אַ חבר: „מיין לעבן, ברודערקע! שווימט, ווי אין אַ גן-עדן, מיידלעך אַ סך, מוזיק שפּילט“... מיט אַ סך געפיל האָט ער דאָס אַרומגע-שריבן, איך האָב דעם בריוו אומישנע באַהאַלטן.

**דער גאָראָדניטשי**

איצטער איז נישט קיין צייט אויף דעם, זעט טוט מיר די טובה, ווי עס וועט עפּעס אַריינפאַלן צו אייך אַן אָנקלאַגע אָדער אַ

מסירהלע, דאָן קלערט נישט קיין סך און פֿאַרהאַלט עס!

דער פּאָסטמײַסטער

מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן!

אַמאָס פּיאָדאָראָוויטש

געדענקט, איר וועט אַמאָל דערפֿאַר באַקומען...

דער פּאָסטמײַסטער

אַך!

דער גאָראָדניטשי

עס מאַכט נישט אויס, ווען איר וואָלט דאָס טאָן פֿאַר יעדערן, אָבער דאָס איז דאָך בלויז אונדזערס אַ פֿאַמיליע-זאַך..

אַמאָס פּיאָדאָראָוויטש

יאָ, עס האָט זיך פֿאַרקאָכט אַ מיאוסע געשיכטע, איך בין זיך מודה, איך בין געגאַנגען צו אײַך, געוואָלט אײַך שענקען אַ הינטעלע...

דער גאָראָדניטשי

לאָזט מיך איצט מיט די הינטעלעך! עס קריכט מיר נישט אין קאָפּ. דער פֿאַרשאָלטענער אינקאָגניטאָ דראַפּעט די נשמה, איך זיץ און וואַרט, אָט באַלד וועט זיך עפֿענען די טיר און אַ סוף..

## בילד III

### די זעלבע, מיט באָבטשינסקי און דאָבטשינסקי, ביידע לויפֿן אַריין פֿאַרסאָפּעט.

באָבטשינסקי

אַן אויסערגעוויינלעך געשעעניש!

דאָבטשינסקי

אַ געוואַלטיקע נײַעס!

אַלע

וואָס? וואָס איז געשען?

ד אָ ב ט ש י נ ס ק י

אַ נישט פּאַראויסגעזעענע זאַך... איך קום אין האָטעל אַריין...

ב אָ ב ט ש י נ ס ק י

איך מיט פּיאָטר איוואַנאָוויטשן קומען אין האָטעל אַריין...

ד אָ ב ט ש י נ ס ק י

זייט מוחל, פּיאָטר איוואַנאָוויטש, איך וועל דערציילן...

ב אָ ב ט ש י נ ס ק י

אָ, ניין, זייט איר מוחל, איך וועל בעסער דערציילן.

ד אָ ב ט ש י נ ס ק י

איר וועט זיך צעטומלען, איר וועט נישט אַלץ געדענקען.

ב אָ ב ט ש י נ ס ק י

איך וועל אַלץ געדענקען. אויף נאמנות, איך וועל אַלץ געדענקען. שטערט מיר נישט, איך וועל דערציילן. גאָספּאָדאַ! זעט, אַז פּיאָטר איוואַנאָוויטש זאָל מיר נישט שטערן.

ד ע ר ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י

זאָגט שוין, גאָט מיינער, וואָס דאָ קומט פֿאָר? דאָס האַרץ גייט מיר אויס. זעצט אייך, מיינע הערן! נעמט שטולן. פּיאָטר איוואַנאָוויטש, אָט איז פֿאַר אייך אַ שטול (אַלע זעצן זיך אַוועק אַרום ביידע פּיאָטר איוואַנאָוויטשעס). נו וואָס? וואָס איז געשען?

ב אָ ב ט ש י נ ס ק י

ערלויבט, ערלויבט! איך וועל אייך אַלץ מיט אַ סדר. ווי איך בין נאָר אַרויסגעגאַנגען פון אייך, נאָכדעם, ווי איר האָט זיך פֿאַרטרויט מיטן בריוו... יאָ, בין איך באַלד אַריינגעלאָפֿן... פּיאָטר איוואַנאָוויטש, שלאָגט נישט איבער! בין איך מיר אַזוי אַריינגעלאָפֿן צו קאָראָבקינען, קאָראָבקינען האָב איך נישט געפֿונען אינדערהיים, בין איך אַריינגעלאָפֿן צו ראַסטאָקאָווסקין, איך האָב אויך ראַסטאָקאָווסקין נישט געפֿונען, בין איך אַריין צו איוואַן־קוזמיטש, כּדי אים צו דערציילן אייער נייעס און גייענדיק פֿון דאָרטן האָב איך זיך באַגעגנט מיט פּיאָטר איוואַנאָוויטשן.

ד א ב ט ש י נ ס ק י:

נעבן דעםביידל, ווו מען פֿאַרקויפֿט פּלאָדן.

באַבטשינסקי:

נעבן דעם ביידל, ווו מען פּאַרקויפט פּלאָדן האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט פּיאָטר איוואַנאָוויטשן און איך זאָג צו אים: „האָט איר געהערט וועגן די לעצטע נייעס, וואָס אַנטאָן אַנטאָנאָוויטש האָט באַקומען? וועגן אַ ציכערן בריוו?“ און פּיאָטר איוואַנאָוויטש האָט עס שוין געהערט פון אייער דינסט אַוודאָטיע, וועלכע איז געגאַנגען צו פיליפּ אַנטאָנאָוויטש פּאָטשעטשועון

דאָבטשינסקי

נאָך אַ פּעסעלע פראַנצויזישן שנאַפּס.

באָבטשינסקי

נאָך אַ פּעסעלע פראַנצויזישן שנאַפּס, זענען מיר אַוועק מיט פּיאָטר איוואַנאָוויטש צו פּאָטשעטשועון. פּיאָטר איוואַנאָוויטש, איך בעט אייך שלאָגט נישט איבער! זענען מיר אַוועק צו פּאָטשעטשועון און אויפן וועג זאָגט צו מיר פּיאָטר איוואַנאָוויטש: „לאָמיר אַריין אין טראַקטיר. פון אינדערפרי האָב איך גאָרנישט געגעסן און אין מאָגן טרייסלט“... יאָ, בײַ פּיאָטר איוואַנאָוויטשן אין מאָגן „און אין שענק“, זאָגט ער, „האָט מען געבראַכט פרישן לאַקס, וועלן מיר צובייסן“. נאָר ווי מיר זענען אַריין אין שענק האָבן מיר דערזען אַ יונגן מאַן...

דאָבטשינסקי

שלאָגט־איבער

אַ גאַנץ פיין אויסזען, אין ציוויל קליידער...

באָבטשינסקי

אַ גאַנץ פיין אויסזען, אין ציוויל-קליידער, גייט ער אַזוי אַרום איבערן צימער און אויפן פּנים אַזאַ מחשבה... אַ פיזיאָגנאָמיע (ווייזט מיט דער האַנט אויפן שטערן). אָט אַדאָ, אַ סך, אַ סך... איך האָב באַלד פאַרגעפילט. זאָג איך צו פּיאָטר איוואַנאָוויטשן: „דאָס איז עפּעס נישט אומזיסט“. יאָ, און פּיאָטר איוואַנאָוויטש האָט אַ ווונק געטאָן מיטן פינגער און צוגערופן דעם שענקער, דער שענקער וולאַס, זיין ווייב האָט פאַר דריי וואָכן צוריק געבוירן אַ מזיק אַ יינגל, ער וועט אוודאי, ווי דער טאַטע, האַלטן אַ שענק... רופט איך צו וולאַסן און פרעג-אים שטילערהייט: „ווער איז יענער

יונגערמאַן?" און וואָס ענטפערט אויף דעם: „דער?..." פּיאָטר איוואַנאָוויטש, שלאָגט נישט איבער! איר וועט נישט דערציילן, איך שווער אייך, איר וועט נישט דערציילן, באַ אייך אין מויל פּייפט אַ צאָן... „דער, דאָס איז אַ יונגער באַאמטער, ער פאָרט פון פּעטערבורג... יאָ... זיין נאָמען איז: איוואַן אַלעקסאַנדראָוויטש כלעסטאַקאָוו, ער פאָרט אין סאַראַטאָווער גובערניע... יאָ, אַ מאָד-נער נפש, די צווייטע וואָך לעבט ער שוין דאָ, פאָרט נישט אַוועק, נעמט אַלץ אויף באָרג און צאָלט נישט קיין גראָשן"... ווי ער האָט עס מיר געזאָגט, האָב איך באַלד אַלץ פאַרשטאַנען און איך זאָג צו פּיאָטר איוואַנאָוויטשן „הע!"

דאָבטשינסקי

ניין, פּיאָטר איוואַנאָוויטש, דאָס האָב איך געזאָגט „הע!"

באָבטשינסקי

צו ערשט האָט איר געזאָגט דעם „הע!" דערנאָך האָב איך גע-זאָגט. מיר האָבן ביידע מיט פּיאָטר איוואַנאָוויטשן געזאָגט: „וואָס עפּעס זיצט ער דאָ, בעת זיין וועג איז גאָר אין סאַראַטאָווער גובערניע? יאָ, און אפשר איז דאָס יענער באַאמטער?

דער גאָראָדניטשי

ווער? וועלכער באַאמטער?

באָבטשינסקי

דער באַאמטער, וועגן וועלכן איר האָט באַקומען אַ ידיעה.

דער גאָראָדניטשי

מיט שרעק

וואָס רעדט איר? גאָט איז מיט אייך! דאָס איז נישט ער...

דאָבטשינסקי

ער, דאָס איז ער, קיין געלט צאָלט ער נישט און פאָרן פאָרט ער נישט. ווער זאָל ער זיין, אויב נישט ער?

באָבטשינסקי

„ער, ער", איך שווער, אַז דאָס איז „ער", אַזאַ נאָכקוקער, ער האָט אַלץ באַטראַכט, וואָס איך מיט פּיאָטר איוואַנאָוויטשן האָבן געגעסן, אין טעלער אַריינגעקוקט, אַז אַ שרעק האָט מיך אַרום-געכאַפּט...

ד ע ר ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י

גאָט, האָב רחמנות אויף אונדז! ווו לעבט ער דאָרטן?

ד אָ ב ט ש י נ ס ק י

אין פינפטן נומער, אונטער די טרעפּ...

ב אָ ב ט ש י נ ס ק י

אין דעם זעלבן נומער, ווו פאַראַיאָרן האָבן זיך די אָפיצירן צע-שלאָגן?

ד ע ר ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י

און שוין לאַנג איז ער אַהערגעקומען?

ד אָ ב ט ש י נ ס ק י

שוין צוויי וואָכן...

ד ע ר ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י

אַן אַ זייט

שוין צוויי וואָכן, טאַטע און מאַמע! אַלע הייליקע, העלפט מיך אַרויס! און פאַר די צוויי וואָכן האָט מען געשמיסן די אונטער-אָפיצירשע, די אַרעסטאַנטן האָט מען קיין עסן נישט געגעבן, אויף די גאַסן איז אַ שענק, אַן אומריינקייט, אַ חרפּה, אַ חרפּה...

(כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ).

אַ ר ט ע מ י פ י ל י פּ אָ ו ו י ט ש

אַנטאָן אַנטאָנאָוויטש! אפשר פאָרן מיט פּאַראַד אין האָטעל אַריין?

אַ מ אָ ס פ י אָ ד אָ ר אָ ו ו י ט ש

ניין, ניין! צוערשט באַדאַרף מען לאָזן די גייסטלעכע, די סוחרים...

ד ע ר ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י

ניין, ניין! לאָזט מיך שוין אַליין, עס זענען געווען שווערע טעג אין מיין לעבן — דורכגעקומען און גאָט וועט אפשר איצט אויך אַרויסהעלפן (ווענדט זיך צו באָבטשינסקין). איר זאָגט, אַז ער איז אַ יונגערמאַן...

ב אָ ב ט ש י נ ס ק י

אַ יונגערמאַן פון דריי אָדער פיראונצוואַנציק יאָר.

ד ע ר ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י

דאָס איז בעסער, אַ יונגנמאַן קאָן מען גיכער דערטאַפּן, אַן אַלט-גליק איז נאָר מיט אַן אַלטן טייוול... אַ יונגנמאַן זעט מען אינ-

גאַנצן דורך. איר, מיינע הערן, גרייט זיך יעדערער צו באַזונדער, און איך וועל זיך אַרויסגיין אַליין און אפשר מיט פּיאָטר איוואַנאָוויטשן, איך וועל זיך פּריוואַט דורכשפּאַצירן, דערגיין, דערוויסן זיך, צי די אַלע אָנגעפּאָרענע געסט אין שטאָט, האָבן נישט קיין שום אומאָנגענעמלעכקייטן, העי, סוויסטונאָוו!

סוויסטונאָוו

וואָס פאַרלאַנגט איר?

דער גאָראָדניטשי

גיי גלייך נאָכן פּריסטאַוו, אָדער לאָז, איך באַדאַרף דיך האָבן, זאָג דאָרטן, אַז מען זאָל מיר גלייך שיקן דעם פּריסטאַוו און אַליין קום צוריק (דער פּאָליציאַנט לויפט אָן אָטעם).

אַרטעמי פיליפּאָוויטש

קומט, קומט אַמאָס פיאָדאָראָוויטש, עס קאָן באמת טרעפן אַן אומגליק.

אַמאָס פיאָדאָראָוויטש

וואָס באַדאַרפט איר מורא האָבן? איר וועט אָנטאָן די קראַנקע נייע טשעפּעקעס און אַלץ איז אין אָרדנונג.

אַרטעמי פיליפּאָוויטש

וואָס מיר טשעפּעקעס? די קראַנקע האָט מען פאַרזאָגט האָבערזופּ צו געבן און באַ מיר אין די קאָרידאָרן טראָגט זיך אַ ריח פון קרויט. כאָטש פאַרשטאָפּ די נאָז...

אַמאָס פיאָדאָראָוויטש

איך אַליין בין רויק, אין דער אמתן: ווער וועט עס אַריינגיין אין געריכט און אויב ער וועט אַריינקוקן אין אַ פּאַפּיר אַריין, בין איך אים נישט מקנא. שוין פופצן יאָר זיץ איך אויף דער ריכטער-שטול און אַז איך קוק אַריין אין די פּאַפּירן, גיב איך אַ מאַך מיט דער האַנט. שלמה המלך אַליין וועט שוין דאָרט נישט דערגיין ווו אמת און ווו נישט אמת (דער ריכטער, דער פּאָפּעטשיטעל, דער שול-אויפזעער און דער פּאָסטמייסטער גייען אַוועק, אין דער טיר שטויסן זיי זיך אָן מיטן פּאָליציאַנט).

# בילד IV

## דער גאָראָדניטשי, באָבטשינסקי, דאָבטשינסקי און דער פּאָליציאַנט.

דער גאָראָדניטשי

די דראָשקע וואַרט?

דער פּאָליציאַנט

יאָ.

דער גאָראָדניטשי

גיי אויף דער גאַס... אָדער ניין, וואַרט! גיי, ברענג! ווו זענען די איבעריקע? פּאַרוואָס ביזטו אַליין? איך האָב דאָך באַפוילן, אַז פּראָכאָראָוו זאָל אויך זיין, ווו איז פּראָכאָראָוו?

דער פּאָליציאַנט

פּראָכאָראָוו איז אין אַ פּריוואַטן הויז, נאָר צום ענין קאָן מען אים נישט באַנוצן.

דער גאָראָדניטשי

וואָס הייסט?

דער פּאָליציאַנט

מען האָט אים געבראַכט באַגינען טויט-שכור. צוויי עמערס וואַסער האָט מען אויף אים אויסגעגאָסן און ער ווערט נישט ניכטער.

דער גאָראָדניטשי

(כאַפּט זיך פּאַרן קאָפּ)

גאָט מיינער, גאָט מיינער! דו לויף געשווינט אויף דער גאַס, אָדער ניין, לויף אין צימער אַריין און ברענג פון דאָרט מיין שווערד און מיין נייעם הוט. נו, פּיאָטר איוואַנאָוויטש, מיר פאָרן!

באָבטשינסקי

און איך, און איך, ערלויבט מיר אויך, אַנטאָן אַנטאָנאָוויטש!

דער גאָראָדניטשי

ניין, ניין, פּיאָטר איוואַנאָוויטש, מען טאָר נישט, עס איז נישט באַקוועם און די דראָשקע איז צו ענג.

באַבטשינסקי

עס מאַכט נישט אויס, איך וועל אַזוי נאָכלויפן, נאָכלויפן, ווי אַ הינטל נאָך דער דראָשקע, איך באַדאַרף נאָר אַ קליין שפּעלטעלע אַריינצוקוקן און זען, וואָס ער טוט...

דער גאָראָדניטשי

(בעמט צו באַם פּאָליציאַנט זיין שווערד)

לויף גיכער! קלייב צענויף די דעסיאַטניקעס און זאָל יעדערער פון זיי... עך, די שווערד איז אינגאַנצן צעקראַצט! דער פאַרשאָלטענער סוחר אַבדולין! ער ווייס און זעט, אַז באַם גאָראָדניטשי איז די שפּאַגע אַן אַלטע און ער שיקט נישט אַריין קיין נייע. אַ געמיינער עולם, מאַשעניקעס!... (צום פּאָליציאַנט) זאָל יעדערער נעמען אַ בעזעם און זאָלן זיי פאַרקערן די גאַס, וואָס פירט צום טראַקטיר און פאַרקערן זאָלן זיי ריין. דו הערסט! דו! איך קען דיך... דו שדכנסט זיך און גנבעסט אין די שטיוול זילבערנע לעפעלעך... איך האַלט אויף דיר אַן אויג. וואָס האָסטו געמאַכט מיטן סוחר טשערניאַעוו, האַ? ער האָט דיר געגעבן צוויי אַרשין שטאָף און דו האָסט דאָס גאַנצע שטיק צוגעלקחנט, געדענק! דו כאַפּסט אַריבער די מאָס... גיי!

# בילד V

## די זעלבע און דער פּריסטאַוו.

דער גאָראָדניטשי

האַ! סטעפּאַן איליטש! זאָגט מיר, איך באַשווער אייך, ווו זענט איר פאַרפאַלן געוואָרן? וואָס האָט עס פאַר אַ פּנים?

דער פּריסטאַוו

איך בין דאָ געווען נישט ווייט.

דער גאָראָדניטשי

נו, הערט אויס, סטעפּאַן איליטש! דער באַאַמטער פון פּעטערבורג איז שוין געקומען, וואָס האָט איר פאַראָרדנט?

דער פריסטאַוו

אַלץ אַזוי ווי איר האָט באַפוילן, דעם פּאָליציאַנט פּוגאָוויצין האָב איך געשיקט מיט די „דעסיאַטניקעס" רייניקן דעם טראָטואַר.

דער גאָראָדניטשי

און ווו איז דערזשימאָרדאַ?

דער פריסטאַוו

דערזשימאָרדאַ איז אַוועקגעפאָרן אויף דער פּאָזשאַרנער קישקע.

דער גאָראָדניטשי

און פּראָכאָראָוו איז שיכור.

דער פריסטאַוו

שיכור!

דער גאָראָדניטשי

ווי אַזוי האָט איר עס דערלאָזן?

דער פריסטאַוו

איין גאָט ווייסט. נעכטן איז אונטער דער שטאָט פאָרגעקומען אַ געשלעג, איז ער אַוועקגעפאָרן ברענגען אָרדנונג, און איז גע-קומען צוריק שיכור.

דער גאָראָדניטשי

הערט אויס, וואָס איר האָט צו טאָן: דער פּאָליציאַנט פּוגאָוויצין... ער איז אַ הויכער, זאָל ער שטיין אויף דער בריק אַלס שיינדל... זעט, מען זאָל אויף גיך צענעמען דעם אַלטן פּלויט, וואָס שטייט לעם שוסטער, און מען זאָל דאָרט אַוועקשטעלן בוי-צייכנס. וואָס מער עס איז צעבראָכן און אָנגעוואָרפן, אַלץ מער ווייזט עס די טעטיקייט פון שטאָט-פירער. איך האָב אויך פאַרגעסן, אַז לעם דעם זעלבן פּלויט, זענען אָנגעוואָרפן אַ פערציק פורן מיסט... אַ פאַרשאָלטענע שטאָט! שטעל-אַוועק אַ דענקמאָל אָדער אַ פּלויט און זיי שלעפן אָן מיסט אַרום דעם (זיפצט): און אויב דער באַ-אַמטער, וואָס איז געקומען, וועט פרעגן, צי איר זענט צופרידן, מיט אייער דינסט, זאָלט איר ענטפערן: „מיט אַלץ צופרידן וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע". און אויב איינער וועט נישט זיין צופרידן, וועל איך אים שפּעטער געבן... אַך, איך בין זינדיק, זייער זינדיק (נעמט אָנשטאָט דעם הוט — דאָס פוטראַל). גאָט זאָל נאָר געבן,

עס זאָל גוט אַראָפּ, וועל איך דערנאָך אַוועקשטעלן אַזאַ גרויס
ליכט, ווי קיינער האָט נאָך נישט געשטעלט. און אויף יעדן פֿאַר-
שאָלטענעם סוחר וועל איך אַרויפֿלייגן צו דריי פּוד וואַקס... גאָט
מיינער, גאָט מיינער! פּיאָטר איוואַנאָוויטש! (ווייל אַנטאָן שטאָט דעם
הוט—דאָס שאַכטל).

**דער פּריסטאַוו**

אַנטאָן אַנטאָנאָוויטש, דאָס איז דאָך דאָס שאַכטל, נישט דער הוט.

**דער גאָראָדניטשי**

וואַרפֿט דאָס שאַכטל

דאָס שאַכטל, זאָל זיין אַ שאַכטל, כאַפּט עס דער טייוול! און
אויב מען וועט פֿרעגן, פֿאַרוואָס בײַ די צדקה-חברות איז קיין
צערקווע נישט אויסגעבויט, וואָס מען האָט אויף איר מיט פֿינף
יאָר צוריק אַסיגנירט געלט, זאָלט איר נישט פֿאַרגעסן צו זאָגן,
אַז זי איז יאָ געווען אויפֿגעבויט, נאָר זי איז אָפּגעברענט גע-
וואָרן. איך האָב וועגן דעם שוין געשיקט אַ ראַפּאָרט. און דאָ
וועט נאָך אפשר ווער פֿאַרגעסן און זאָגן, אַז עס איז גאָרנישט
געבויט געוואָרן. דערזשימאָרדאַן זאָל מען זאָגן, ער זאָל זיינע
פֿויסטן אַ ביסל איינהאַלטן. צוליב אָרדנונג שטעלט ער אַלעמען
לאַמטערנעס אינטער די אויגן, די שולדיקע און אומשולדיקע (גייט
אַרויס און קומט אַריין). און די סאָלדאַטן אויף דער גאַס נאַקעט נישט
אַרויסלאָזן. די חברה-לייט טוען-אָן אויף זיך בלויז דעם מונדיר
און אונטן איז גאָרנישט פֿאַראַן (גייען אַלע אַוועק).

# בילד VI

אַנאַ אַנדרעעוונאַ און מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ. (לויפֿן אַריין)

**אַנאַ אַנדרעעוונאַ**

וווּ? וווּ זענען זיי? אַך, גאָט מיינער! (עפֿנט די טיר) מאַן! אַנטאָשאַ!
אַנטאָן! (רעדט גיך) אַלץ צוליב דיר, אַלץ צוליב דיר. שטענדיק גריבלט
זיך עס: „אַ שפּילקעלע, אַ צעפּעלע" (לויפֿט צו צום פֿענצטער און שרייט)

אַנטאָן, וווהין? וווהין? וואָס? ער איז געקומען צו פאָרען? אַ רע־וויזאָר! מיט וואָנסעס? מיט וועלכע וואָנסעס?

דעם גאָראָדניטשיס קול:

שפּעטער, שפּעטער, מאַמעלע!

**אַנאַ אַנדרעעוונאַ**

שפּעטער? אָט האָסטו דיר... שפּעטער! איך וויל נישט שפּעטער... איין וואָרט נאָר... זאָג! וואָס איז ער, אַ פּאָלקאָווניק, האַ? (מיט פאַרדרוס) אַוועקגעפאָרן. איך וועל דאָס דיך דערמאָנען. און אַלץ צוליב דיר: „מאַמענקע, מאַמענקע!" אַלץ די פאַרשאָלטענע קאָקעטעריע. זי האָט געהערט, דער פּאָסטמייסטער איז דאָ פאַראַן און האָט זיך גענומען שפּיגלען, פון דער זייט און יענער זייט... דו שפּי־גלסט זיך פאַר אים, און ער פאַרקרומט זיך, בעת ער זעט דיך.

**מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ**

אין צוויי שעה, מאַמענקע, וועלן מיר דאָך אַלץ וויסן.

**אַנאַ אַנדרעעוונאַ**

אין צוויי שעה! איך דאַנק דיר זייער, נאַדיר אַן ענטפער. פאַר־וואָס איז דיר נישט איינגעפאַלן צו זאָגן, אַז אין אַ חודש אַרום, אין אַ חודש וועט מען נאָך מער וויסן (הענגט זיך אַרויס אין פענצטער). העי! אַוודאָטיאַ, האַ? וואָס, אַוודאָטיאַ! דו האָסט געהערט, אַז עמיצער איז געקומען צו פאָרן, נישט געהערט? אַ בהמה דו ביסט! זי וואָלסט געדאַרפט מער אויספרעגן, האָסט באַדאַרפט זיך דער־וויסן, נאָר אין קאָפּ באַ דיר קריכן נאַרישקייטן, חתנים אַלץ. לויף נאָך דער דראָשקע, הערסט? לויף און דערגיי, ווו מען איז געפאָרן? קוק־אַריין אין דער שפּאַרע און דערגיי: וועלכע אויגן? שוואַרצע, אָדער נישט קיין שוואַרצע, און די רגע קום שוין צו־ריק, הערסט! גיכער! גיכער! גיכער! גיכער! (שרייט אַזוי לאַנג ביז דער פאָרהאַנג פאַלט אַראָפּ).

# צווייטער אַקט.

א קליין צימער אין האָטעל, אַ בעט, א טיש, אַ טשעמאָדאַן, א פוסטע פלאַש, שטיוול, א קליידער־באַרשט און אנדערע קלייניקייטן.

## בילד 1

אָסיפ

ליגט אויפן בעלהבית בעט

דער טייוול זאָל עס נעמען! עסן ווילט זיך און אין מאָגן רוישט, ווי אַ גאַנצער פאָלק וואָלט שופר־געבלאָזן, וואָס וועסטו זאָגן דערצו? שוין דער צווייטער חודש, ווי מיר זענען פון פעטערבורג, האָט פאַרשפּילט אין וועג די פּאָר גראָשן, מיין קאַנאַרעק, און איצטער שוויגט ער שוין. עס דאַכט זיך, אַז עס האָט אים באַדאַרפט סטייען, ניין, אין יעדער שטאָט באַדאַרף מען זיך דאָך ווייזן (קרימט אים נאָך). „העי, אָסיפ, גיי און זוך אויס אַ גוטן צימער און אַ מיטאָג באַשטעל דעם בעסטן, איך קאָן נישט עסן קיין געמיינעם מיטאָג, איך דאַרף אַ גוטן מיטאָג״. וואָלט כאָטש פון אים עפּעס רעכטס געווען, אָבער דאָס איז דאָך אַ געוויינלעך רעגיסטראַטאָרל. מיט די דורכפאָרנדע באַקענט ער זיך און באַלד אין קאָרטן, און אָט האָט ער זיך צעשפּילט, עך, עס האָט שוין דערעסן אַזאַ לעבן, אין דאָרף איז שוין בעסער, כאָטש נישטאָ קיין געזעלשאַפטן, נאָר זאָרגעניש זענען דערפאַר ווייניקער. נעם זיך אַ באַבע, ליג

דעם גאַנצן טאָג אויפן פּעקעלאָק און עס קרעפּלעך. אָבער ווער
רעדט, אויב שוין אויף אַן אמת, איז דאָס לעבן אין פּעטער-
בורג בעסער פאַר אַלץ. זאָל נאָר זיין געלט! איז דאָס אַ לעבן
אַן איידלס מיט פּאָליטיק, טריאַטערס, הינט טאַנצן פאַר דיר און
וואָס דו ווילסט. רעדן רעדט מען דאָרט מיט דעליקאַטניקייטן,
מיט אַדל-לייט זיך צו פאַרגלייכן, גייסטו אַרויס אויף „שצוקין”
שרייען צו דיר די הענדלערס: „געשעצטער!” אין שיפּל באַם
אַריבערפאָרן זיצסטו לעם אַ באַאמטן. אַן עלטערע אָפיצירשע וויל
דיך פאַרנאַרן, אַ דינסט-מיידל וואַרפט אַן אייגל... פּו, פּו, פּו...
(שמייכלט און טרייסלט צו מיטן קאָפּ) אַ גאַלאַנטעריינע באַנעמען זיך, צום
טייוול! אַ גראָב וואָרט וועסטו קיינמאָל נישט הערן. יעדערער
זאָגט דיר: „איר!” דערעסט דיר צו גיין צופוס, נעמסטו אַ דראָש-
קע און זיצסט זיך, ווי אַ פּריץ און ווילסטו אים נישט באַצאָלן,
איז דאָ אַן עצה. באַ יעדן הויז איז פאַראַן אַ דורכגאַנגס-טויער,
שפּרינגסטו אַראָפּ, אַז דער שד אַליין וועט דיך נישט כאַפּן.
איינס איז נישט גוט: אַמאָל פרעסט מען צופיל און אַ צווייט
מאָל—פּלאַץ פון הונגער, אָט אַזוי ווי איצטער. און אין אַלץ איז
ער שולדיק. וואָס קאָן מען מיט אים מאַכן? דער טאַטעשי שיקט
געלט און אָנשטאָט עס איינצוהאַלטן, לאָזט ער זיך גלייך אַוועק
הוליען, פאָרט אַרום אויף דראָשקעס, יעדן טאָג באַקום פאַר אים
אַ בילעט אין טריאַטער און אין אַ וואָך אַרום... שיקט ער שוין
אויפן טאָלטשאָק פאַרקויפן זיין נייעם פראַק. ביזן לעצטן העמד
פאַרקויפט ער אַמאָל, און עס בלייבט בלויז דאָס סורטוקל און
דאָס שינעלעכל... אויף אַן אמת! און דער שטאָף איז אַזאַ וויכ-
טיקער; אַן ענגלישער, אַ טייערער, דער פראַק אַליין קאָסט אים
באַ אַ הונדערט פּופציק רובל און באַקומען באַקומט ער דערפאַר
אַ צוואָנציק, די הויזנס גייען אַוועק בחינם. און פאַרוואָס? ווייל
ער באַשעפטיקט זיך מיט גאָרנישט. אָנשטאָט צו גיין אין קאַנ-
צעלאַריע, גייט ער גאָר שפּאַצירן איבערן פּראָספּעקט. און שפּילט
אין קאָרטן. ווען דער אלטער פּריץ וואָלט עס וויסן! ער וואָלט
נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דו ביזט אַ באַאמטער, ער וואָלט
אויפגעהויבן דאָס העמד און אַריינגעשאָסן, אַז דו וואָלסט זיך גע-

האַט פיר טעג צום קראַצן. אויב דינען—איז דינען. איצט האָט דער שענקער געזאָגט, אַז מער וועט ער נישט געבן, כל-זמן מען וועט אים דעם פריערדיקן חוב נישט באַצאָלן, נו, און אויב מיר וועלן נישט באַצאָלן? (זיפצט) אַך, גאָט מיינער, כאָטש אַ טעלער באָרשטש, מיר דאַכט זיך, איך וואָלט די גאַנצע וועלט איצט אויפ-געגעסן, מען קלאַפּט! דאָס גייט ער שוין אוודאי. (שפּרינגט הנטסיק אראָפּ פון בעט).

# בילד II

## אָסיפּ און כלעסטאַקאָוו.

כלעסטאַקאָוו

נאַ, נעם צו! (דערלאַנגט אים זיין היטל און שפּיץ-רוט) האָסט זיך ווידער געוואַלגערט אויף מיין בעט?

אָסיפּ

צו וואָס האָב איך זיך געדאַרפט וואַלגערן? איך האָב קיין בעט נישט געזען? וואָס?

כלעסטאַקאָוו

זאָגסטו ליגן! האָסט זיך געוואַלגערט! גיב אַ קוק, עס איז אינ-גאַנצן צעקנייטשט...

אָסיפּ

אָבער צו וואָס באַדאַרף איך עס, דאָס בעט! איך ווייס דען נישט וואָס אַ בעט איז, איך האָב פיס און איך קאָן שטיין. צו וואָס באַדאַרף איך אייער בעט?

כלעסטאַנאָוו

שפּריזט-אַרום איבערן צימער

גיב אַ קוק דאָרט צי עס איז נישטאָ קיין טאַבאַק!

אָסיפּ

ווייס איך וואָס! פון וואַנעט? איר האָט שוין אַליין אויסגערייכערט דאָס לעצטע אויסגעקליבעט.

כ ל ע ס ט אַ ק אָ וו

עפּריזט-אַרום און בײַכט פֿאַרשידנאַרטיק זײַנע ליפּן, צום סוף רעדט ער הויך און אַנטשלאָסן:

הער זיך איין... אָסיפ!

אָ ס י פ

וואָס פֿאַרלאַנגט איר?

כ ל ע ס ט אַ ק אָ וו

מיט אַ הויך, נאָר שוין נישט אַזאַ אַנטשלאָסן קול

גיי אַהין?

אָ ס י פ

וווהין?

כ ל ע ס ט אַ ק אָ וו

שוין גאָר נישט אַנטשלאָסן און נישט הויך, מיט אַ קול, וואָס איז נאָענט צו אַ בקשה

גיי אַראָפּ, אונטן, אין בופֿעט, און זאָג דאָרט, אַז מען זאָל מיר געבן מיטאָג.

אָ ס י פ

זיי וועלן נישט געבן און איך וועל נישט גיין. איך וויל נישט...

כ ל ע ס ט אַ ק אָ וו

ווי אַזוי דערוועגסטו זיך, טיפּוס!

אָ ס י פ

אַלץ איינס, אַז איך וועל גיין וועט פֿון דעם סיי-ווי גאָרנישט אַרויסקומען. דער בעלהבית האָט געזאָגט, אַז ער וועט מיר קיין מיטאָג נישט געבן.

כ ל ע ס ט אַ ק אָ וו

ווי אַזוי דערוועגט ער זיך נישט צו געבן? בלאָפּ ערײַ!

אָ ס י פ

און ער זאָגט נאָך, אַז ער וועט גיין צום גאָראָדניטשי, שוין די דריטע וואָך, ווי דער פּריץ צאָלט נישט. ער זאָגט, אַז איך מיטן פּריץ זענען ביידע מאַשעניקעס, שווינדלער. ער האָט שוין אַזעלכע אורחים און שאַרלאַטענעס געזען.

כ ל ע ס ט אַ ק אָ וו

און דו, בהמה, האָסט הנאה מיר דאָס אַלץ צו דערציילן...

אָסיפ

אָט... אַזוי, זאָגט ער, קאָן זיך יעדערער קומען צו פאָרן: אָנפרעסן און פאַרהובען זיך און דערנאָך קאָן מען זיי אַפילו נישט אַרויס-טרייבן. איך וועל, זאָגט ער, זיך נישט שפּילן, גלייך מיט אַן אָנקלאַגע, מען זאָל אייך משלח-זיין און אין טורמע אַריין.

כלעסטאַקאָוו

נו, נו, טיפּוש! געבוג שוין. גיי און זאָג אים, אַזאַ גראָבע בהמה!

אָסיפ

איך וועל שוין בעסער דעם בעלהבית פאַרבעטן צו אייך.

כלעסטאַקאָוו

צו וואָס דעם בעלהבית? דו אַליין גיי און זאָג.

אָסיפ

אָבער...

כלעסטאַקאָוו

נו גיי, כאַפּט דיך דער טייוול, גיי רוף-אַרויף דעם בעל-הבית.

(אָסיפ גייט אַוועק)

## בילד III

כלעסטאַקאָוו

אַליין

אַ שרעק, ווי עס ווילט זיך עסן! זיך אַ ביסל דורכגעגאַנגען, גע-טראַכט, אפשר וועט דער אַפּעטיט פאַרביי, ניין, עס גייט נישט אַוועק. ווען איך וואָלט אין פּענזע נישט אַ הוליע געטאָן, וואָלט מיר געדויגנט געלט ביז אַהיימצופאָרן, אָבער דער פּיעכאָטע-קאַפּיטאַן האָט מיר אַ צאַפּ געטאָן. ער האָט וווּנדערבאַרע שטאָסן געמאַכט. אַ פערטל שעה מיט מיר געזעסן און אינגאַנצן מיך אַרומגעשניטן. און באַ דעם אַלץ, וואָלט זיך מיר געוואַלטיק וועלן מיט אים נאָכ-אַמאָל זיך פאַרמעסטן. נאָר נישטאָ קיין מזל, אַ מיאוס שטעטל, אין די קרעמלעך וויל מען קיין גראָשן נישט באָרגן, דאָס איז שוין גאָר נידערטרעכטיק...

(פייפט עפעס אונטער)

# בילד IV

כלעסטאַקאָוו, אָסיפּ און דער באַדינער פון שענק.

דער באַדינער

דער בעלהבית האָט געפרעגט, וואָס פאַרלאַנגט איר?

כלעסטאַקאָוו

ברודערקע, וואָס מאַכסטו? געזונט?

דער באַדינער

גאָט צו דאַנקען!

כלעסטאַקאָוו

וואָס הערט זיך בײַ אײַך אין האָטעל? אַלץ גייט אין אָרדנונג?

דער באַדינער

יאָ, געלויבט איז גאָט, אַלץ גוט!

כלעסטאַקאָוו

אַ סך אָנגעפאָרענע?

דער באַדינער

יאָ, גענוג!

כלעסטאַקאָוו

הער זיך איין, טייערער, מען האָט מיר נאָך אַלץ קיין מיטאָג נישט געבראַכט, טאָ, זײַ אַזוי גוט און אײַל זיך צו אַ ביסעלע, אָבער גיכער, ווײַל באַלד נאָכמיטאָג בין איך מיט עפּעס פאַרנומען...

דער באַדינער

אָבער דער בעלהבית האָט געזאָגט, אַז ער וועט מער נישט געבן. ער האָט שוין היינט געוואָלט גיין צום גאָראָדניטשי זיך באַקלאָגן.

כלעסטאַקאָוו

צו וואָס זיך באַקלאָגן? באַרעכן אַליין, טייערער! איך באַדאַרף דאָך עסן, איך קאָן אויסגעדאַרט ווערן, מיר ווילט זיך זייער עסן, איך מיין עס אָן שפּאַס.

דער באַדינער

יאָ... ער האָט געזאָגט: „איך וועל אים קיין מיטאָג נישט געבן,

כּל־זמן ער וועט נישט באַצאָלן פֿאַר דאָס פֿריערדיקע", צאָט אַזוי האָט ער געענטפֿערט.

כּלעסטאַקאָוו

אָבער דו ערקלער־אים, רעד אים איין!

דער באַדינער

וואָס קאָן איך אים זאָגן?

כּלעסטאַקאָוו

גיב אים ערנסט צו פֿאַרשטיין, אַז איך וויל עסן, געלט איז זיך אַ באַזונדערע זאַך... ער מיינט, אַז ער, דער פּויער עסט נישט אַ טאָג, אַנדערע קאָנען נישט אַזוי. האָסטו געזען!

דער באַדינער

נו גוט, איך וועל אים זאָגן.

# בּילד V

כּלעסטאַקאָוו

אַליין.

עס וועט זייער שלעכט זיין, ווען ער וועט גאָרנישט געבן צו עסן. עס ווילט זיך אַזוי, ווי עס האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט געוואָלט. אפשר עפּעס פֿאַרקויפֿן פֿון די קליידער? די הויזן אפשר פֿאַרקויפֿן? ניין, שוין בעסער הונגערן, אַבי קומען אַהיים אין פּעטערבורגער קאָסטיום. אַ שאָד, וואָס יאָכים האָט נישט געגעבן אַ קאַרעטע אויף בּראָקאַט, צום טייוול! עס וואָלט גוט געווען צו קומען צהיים אין אַ קאַרעטע, אונטערפֿליען אָט אַזוי פֿאַרבּיי אַ באַלקאָן פֿון אַ גוטבאַזיצער מיט לאַמטערנעס און אָכּיפּן אָנטאָן אין אַ ליבּעריע, ווי אַלע וואָלטן זיך עס פֿצרוואונדערט. „ווער איז עס, ווער? ווער?" און דער לאָקיי קומט אַריין... (ציט זיך אויס און שטעלט פֿאָר אַ לאָקיי)... „איוואַן אַלעקסאַנדראָוויטש כּלעסטאַקאָוו פֿון פּעטערבּורג". זיי, די שמענדריקעס, ווייסן נישט ווי אויפֿצונעמען אַ מענטשן. צו זיי, אַז עס קומט צו פֿאָרן עפּעס אַ גאַנדז, אַ גוטבאַזיצער, פֿאַלט ער גלייך אַריין, ווי אַ בער אין סאַלאָן אַריין...

צו אַ שיין טעכטערל צוגיין... פריילן, ווי איך בין (רייבט זיך די הענט און ספּאַרט־צו מיט אַ פוס). טפוי (שפּייט), ווי עס ווילט זיך עסן, ביז חלשן...

## בילד VI

### כלעסטאַקאָוו, אָסיפּ, דערנאָך דער דינער.

**כלעסטאַקאָוו**

נו, וואָס?

**אָסיפּ**

מען טראָגט מיטאָג!

**כלעסטאַקאָוו**

*פּאַטשט מיט די הענט און שפּרינגט אַביסל צו אויפן שטול*

מען טראָגט, מען טראָגט, מען טראָגט!

**דער באַדינער**

*מיט טעלער און מיט אַ סערוועטקע*

דער בעל-הבית גיט עס צום לעצטן מאָל.

**כלעסטאַקאָוו**

נו דאָרט, בעל־הבית, בעל-הבית... איך שפּיי אויף דיין בעל־הבית.

וואָס איז דאָרטן פאַראַן?

**דער באַדינער**

זופּ און געבראָטנס.

**כלעסטאַקאָוו**

וואָס, בלויז צוויי געריכטן.

**דער באַדינער**

נישט מער.

**כלעסטאַקאָוו**

אַ חוצפה דאָס איז! איך נעם עס נישט צו, דו זאָג איס, אַז דאָס איז... ווייניק.

**דער באַדינער**

דער בעל-הבית זאָגט, אַז דאָס איז נאָך צופיל.

כלעסטאַקאָװ

און קײן קאָמפּאָט פֿאַרװאָס איז נישט פֿאַראַן?

דער באַדינער

קײן קאָמפּאָט איז נישטאָ.

כלעסטאַקאָװ

װי אַזױ? איך בין הײנט פֿאַרבײגעגאַנגען די קיך, האָב איך געזען, אַז דאָרט האָט זיך פֿון אַלץ געקאָכט. און אין עס־צימער האָב איך אײנדערפֿרי געזען, װי צװײ קורצינקע מענטשעלעך האָבן געגעסן לאַקס און נאָך זאַכן.

דער באַדינער

אפֿשר איז עס פֿאַראַן און אפֿשר נײן...

כלעסטאַקאָװ

װאָס הײסט „נײן"?

דער באַדינער

ס'איז נישטאָ.

כלעסטאַקאָװ

און לאַקס? און פֿיש? און קאָטלעטן?

דער באַדינער

דאָס איז פֿאַר די פֿײנערע...

כלעסטאַקאָװ

באמת!

דער באַדינער

יאָ...

כלעסטאַקאָװ

דו, חזיר פּאַסקודנער, זײ עסן און איך נישט. פֿאַרװאָס זאָל איך דאָס נישט עסן? זענען זײ דען נישט אַזעלכע דורכפֿאָרנדע װי איך?

דער באַדינער

אַװדאי נישט אַזעלכע, װי איר.

כלעסטאַקאָװ

װעלכע זענען זײ?

**דער באַדינער**

אַזעלכע... אַזעלכע, וואָס צאָלן געלט.

**בלעסטאַקאָוו**

איך וויל מיט דיר נישט רעדן, אידיאָט! (גיסט־אָן די זופּ און עסט). וואָס איז דאָס פאַר אַ זופּ? האָסט גאַנץ איינפאַך וואַסער אָנגעגאָסן. עס האָט דאָך קיין טעם נישט, עס שטינקט, איך וויל נישט אַזאַ זופּ, ברענג מיר אַן אַנדערע.

**דער באַדינער**

מיר וועלן עס צונעמען, דער בעל־הבית האָט געזאָגט, אַז אויב איר ווילט נישט, באַדאַרף מען נישט.

**בלעסטאַקאָוו**

פאַרטיידיקט מיט די הענט דאָס עסן

נו נו, זאָל זיין, טפֿוּש! דו ביזט געוווינט אַזוי זיך צו באַגיין מיט אַנדערע, איך בין נישט פון די, איך גיב דיר אַן עצה מיט מיר נישט... (עסט) גאָט מיינער, סאַר אַ זופּ... (עסט ווייטער) איך טראַכט, אַז קיין איין מענטש אויף דער וועלט האָט נאָך אַזאַ זופּ נישט געגעסן, פעדערן שווימען דאָ שטאָט פוטער. (שניידט די הון). אוי, אוי, וואָס פאַר אַ הון! גיב דאָס געבראָטנס, דאָרט איז אַביסל זופּ געבליבן, אָסיפּ! נעם פאַר זיך. (שניידט דאָס געבראָטנס) וואָס פאַר אַ געבראָטנס, דאָס איז דאָך גאָרנישט קיין געבראָטנס

**דער באַדינער**

טאָ וואָס איז דאָס?

**בלעסטאַקאָוו**

דער טייוול ווייסט, וואָס דאָס איז, אָבער נישט קיין געבראָטנס. דאָס איז אַ פאַרפרעגלטע האַק, נישט קיין פלייש (עסט). מאַשעניקעס! קאַנאַליעס! מיט וואָס זיי שפייזן! די ציין קאָן מען זיך אויסברעכן פון איין שטיקל (גריבלט־זיך מיט אַ פינגער אין די ציין) זשוליקעס! ווי קאָרע, מען קאָן עס פון די ציין נישט אַרויסשלעפן, און די ציין אַליין וועלן פון אַזעלכע געריכטן שוואַרץ ווערן, מאַשעניקעס! (ווישט זיך אָפּ מיט דער סערוועטקע) מער איז גאָרנישטאָ?

**דער באַדינער**

ניין!

**כלעסטאַקאָוו**

פֿאַרשאָלטענע קאַנאַליעס! וואָלטן זיי כאָטש אַ קאָמפּאָט אָדער אַ טשאַסטע געגעבן. ליידיקגייערס, נאָר זיי באַרייסן די דורכרייזנדע.

**דער באַדינער**

רוימט־אויף און טראָגט־אַוועק מיט אַ זיפֿן די טעלער.

# בילד VII

## כלעסטאַקאָוו; דערנאָך אָסיפּ.

**כלעסטאַקאָוו**

אַלץ איינס, ווי איך וואָלט גארנישט געגעסן, נאָך מער אַפּעטיט באַקומען. ווען עס וואָלט געווען קליינגעלט, וואָלט איך געשיקט אָסיפֿן קויפֿן אַ זעמל אויפֿן מאַרק.

**אָסיפּ**

קומט־אַריין

דאָרטן איז דער גאָראָדניטשי געקומען, ער פֿרעגט זיך אויף אייך.

**כלעסטאַקאָוו**

דערשרעקט זיך

אָט האָסטו דיר! אַזאַ הונט, דער טראַקטירטשיק, דאָס האָט ער זיך שוין אויף מיר באַקלאָגט. ווער ווייסט, ער וועט נאָך מיך אויף אַן אמת אַריינוואַרפֿן אין טורמע? נו וואָס? פֿאַרפֿאַלן! ניין, ניין, איך וויל נישט. דאָרטן אין שטאָט שלעפֿן זיך אַרום אָפֿיצירן און נאָך מענטשן. און איך האָב זיך שוין דאָרטן דורכגעווונקען מיט אַ סוחריש טעכטערל און געוויזן פֿאַסאָן. ניין, איך וויל נישט. און ווי וואַגט ער זיך? וואָס בין איך אים, אַ סוחרל, אָדער אַ שוסטער? (מאַכט זיך דרייסט און גלייכט זיך אויס). איך וועל אים שטאָלץ זאָגן: ווי וואַגט איר זיך? ווי וואַגט... (די טיר־קליאַמקע רירט זיך, כלעסטאַקאָוו ווערט בלאַס און ציט־זיך־איין).

# בילד VIII

## כלעסטאַקאָוו, דער גאָראָדניטשי און דאָבטשינסקי.

דער גאָראָדניטשי קומט אַריין און שטעלט זיך אָפּ. איינער אויפן צווייטן קוקט אַ לאַנגע ווײַלע מיט שרעק, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן.

דער נאָראָדניטשי

קומט אַביסל צו־זיך, ציט־אויס די הענט „פאָ שטשים".

מײַן באַגריסונג!

כלעסטאַקאָוו

פאַרנייגט זיך

מײַן אַכטונג...

דער גאָראָדניטשי

אַנטשולדיקט!

כלעסטאַקאָוו

עס מאַכט נישט אויס...

דער גאָראָדניטשי

מײַן פליכט איז אַלס בעל־הבית פון שטאָט אַכטונג צו געבן, אַז אַלע דורכרייזנדע און ווילגעבוירענע מענטשן זאָלן נישט האָבן קיין אומאָנגענעמלעכקייטן.

כלעסטאַקאָח

צום אָנהייב שטאַמלט ער אַביסל, נאָר צום סוף רעדט ער הייך

וואָס קאָן מען מאַכן? איך בין נישט שולדיק... איך וועל אַלץ באַצאָלן... מען וועט מיר שיקן פון דאָרף. (באָבטשינסקי קומט־אַרײַן פון אונטערן טיר) ער איז מער שולדיק, פלייש דערלאַנגט ער האַרטס, ווי אַ קלאָץ, און זופּ... דער טײַוול ווייסט, וואָס ער האָט דאָרט אַרײַנגעגאָסן, מען באַדאַרף עס דורכן פענצטער אַרויסוואַרפן, ער פּײַניקט מיך מיט הונגער גאַנצע טעג, טיי גיט ער מיר, וואָס שמעקט מיט פיש... פאַר וואָס זאָל איך...

ד ע ר  ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י

(פאַרלירט זיך)

זייט מוחל, איך בין דאָ גאָרנישט שולדיק, באַ מיר אויפן מאַרק איז שטענדיק גוט פלייש, די כאָלמאגארער סוחרים ברענגען עס. זיי זענען ניכטערע און אָרנטלעכע מענטשן און אויב עס טרעפט עפּעס נישט אין אָרדנונג, ווייס איך אַליין נישט... דערלויבט מיר, אייך צו בעטן אַריבערפאָרן מיט מיר אויף אַן אַנדער קוואַרטיר.

ב ל ע ס ט אַ ק אָ וו

ניין, איך וויל נישט, איך ווייס, וואָס דאָס הייסט אַן אַנדער קוואַרטיר, דאָס הייסט... אין טורמע. אָבער וואָס פאַר אַ רעכט האָט איר? ווי וואַגט איר זיך? איך... איך דין אין פּעטערבורג. (ווערט דרייסטער) איך, איך...

ד ע ר  ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י

(אָן דער זייט)

אָ, גאָט מיינער, סאַר אַ בייזער, ער ווייס שוין אַלץ, דאָס האָבן די פאַרשאָלטענע סוחרים.

ב ל ע ס ט אַ ק אָ וו

(ווערט העלדישער)

איר מעגט דאָ זיין מיט אייער גאַנצער קאָמאַנדע—איך וועל נישט גיין. איך וועל גלייך צום מיניסטער (קלאַפּט מיט די פויסטן אין טיש). וואָס ווילט איר? וואָס ווילט איר?

ד ע ר  ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י

(ציט זיך אויס און ציטערט מיטן גאַנצן קערפּער)

האָט רחמנות! מאַכט מיך נישט אומגליקלעך. איך האָב אַ ווייב מיט קליינע קינדער...

ב ל ע ס ט אַ ק אָ וו

ניין, איך וויל נישט, וואָס גייט מיך אָן אייער ווייב און אייערע קינדער? איך באַדאַרף גיין אין תפיסה, זייער פיין! (באָבטשינסקי קוקט אַרײַן פון אונטער דער טיר און באַהאַלט זיך) ניין, איך דאַנק אייך זייער, איך וויל נישט.

**דער גאָראָדניטשי:**

(ציטערט)

איר פאַרשטייט: נישט דערפאַרנקייט און אָרעמקייט, פאַרשטייט אַליין, די מלוכה צאָלט ווייניק, עס סטייעט נישט אַפילו אויף קיין טיי און צוקער. און אויב איך האָב עפּעס אַמאָל גענומען אין יד אַריין, איז נאָר קלייניקייטן: עפּעס צום טיש, אַמאָל אַ קלייד און מכּח דער אונטער-אָפיצירשע, מיט דער אלמנה, וועל-כע האַנדלט אַביסל צו און וועגן וועלכער מען דערציילט, אַז איך האָב זי אָפּגעשמיסן, איז דאָס אַ ליגן, אַ רכילות, איך שווער בײַ גאָט, דאָס איז אַ ליגן, דאָס האָבן אויסגעטראַכט מײַנע שונאים, וועלכע ווילן מיך באַגראָבן.

**כלעסטאַקאָוו**

אָבער וואָס? וואָס גייען זיי מיך אָן? (פאַרטראַכט זיך) איך ווייס נישט, צוליב וואָס איר רעדט מיר וועגן די מענטשן, וועגן דער אונטער-אָפיצירשע אלמנה. די אונטער-אָפיצירשע איז עפּעס אַנ-דערש, אָבער מיך האָט איר קיין רעכט נישט צו שמייסן, נאָך ווייט דערצו, וואָס נאָך! קוקט זיך נאָר איין! איך וועל באַצאָלן, איך וועל אַלץ באַצאָלן, איצטער האָב איך נישט, איך זיץ דאָ אָן אַ קאָפּיקע.

**דער גאָראָדניטשי**

(אַן אַ זײַט)

אַ רעכטער חברה-מאַן, ווי ער פאַרפּלאָנטערט און פאַרבלענדט די אויגן. דו ווייסט נישט פון וועלכער זײַט צוצוגיין צו אים, נאָר מען באַדאַרף אַ פּרווו טאָן (אויפן קול): אויב איר נייטיקט זיך באמת אין געלט אָדער אין עפּעס אַנדערש, בין איך אייך גרייט צו דינען די רגע, מײַן פליכט איז צו העלפן די דורכרייזנדע.

**כלעסטאַקאָוו**

גיט מיר, גיט אַ הלוואה, איך וועל זיך באַלד אויסצאָלן מיט דעם טראַקטירשטשיק, אַ צוויי הונדערט רובל באַדאַרף איך און אַפילו ווייניקער.

**דער גאָראָדניטשי**

דערלאַנגט אים פּאַפּיר־געלט

באַמיט זיך נישט צו ציילן, פּונקט צוויי הונדערט רובל.

**כלעסטאַקאָוו**

נעמט דאָס געלט

איך דאַנק אייך זייער, איך וועל עס גלייך אָפּשיקן פון דאָרף...
עס האָט אַזוי פּאַסירט... איך זע, איר זענט אַן איידעלער מענטש,
איצט איז שוין עפּעס אַנדערש!

**דער גאָראַדניטשי**

אַן דער זייט

נו, גאָט צו דאַנקען, ער האָט גענומען דאָס געלט, איצט וועט שוין די זאַך אַוועקגיין גלאַט. איך האָב אים טאַקע שטאָט צוויי הונדערט—געגעבן פיר הונדערט.

**כלעסטאַקאָוו**

העי, אָסיפּ! (אָסיפּ קומט־אַריין) רוף־אַרויף דעם דינער פון טראַקטיר. (צום גאָראָדניטשי און צו דאָבטשינסקין) וואָס שטייט איר, זייט אַזוי גוט און זעצט זיך. (צו דאָבטשינסקין) זעצט זיך, איך בעט אייך זייער.

**דער גאָראָדניטשי**

עס מאַכט נישט אויס, מיר וועלן שטיין אַביסל...

**כלעסטאַקאָוו**

טוט מיר די טובה, זעצט זיך, איצטער זע איך אייער אמתע אָפנהאַרציקייט און גאַסטפריינטלעכקייט. פריער האָב איך געטראַכט, איך זאָג אייך דעם אמת, אַז איר זענט געקומען מיך... (צו דאָבטשינסקין) זעצט זיך! (דער גאָראָדניטשי און דאָבטשינסקי זעצן זיך, באָבטשינסקי קוקט אַריין און הערט זיך צו).

**דער גאָראָדניטשי**

אַן דער זייט

מען באַדאַרף זיין דרייסטער. ער וויל, מיר זאָלן אים רעכענען פאַר אינקאָגניטאָ, גוט, מיר וועלן זיך מאַכן, אַז מיר פאַרשטייען נישט, וואָס פאַר אַ מענטש ער איז. (אויפן קול) איך מיט פּיאָטר איוואַנאָוויטשן, אַ היגער גוטבאַזיצער, זענען מיר אַזוי זיך געגאַנגען וועגן דינסט־אָנגעלעגנהייטן, זענען מיר מיט אַ כוונה אַריין

אין האָטעל באַטראַכטן צי אַלץ איז אין אָרדנונג, ווייל איך בין נישט אַזוי, ווי אַנדערע גאָראָדניטשיס, וועמען די אַלע זאַכן גייען נישט אָן. אויסער די דינסט-פליכטן וויל איך, פשוט פון מענטשן-ליבע, אַז יעדער בשר-ודם זאָל דאָ האָבן אַ גוטע אויפנאַמע און אָט האָט דער צופאַל מיר באַצאָלט... זייער אַן אָנגענעמע באַקאַנטשאַפט.

כלעסטאַקאָוו

איך בין אַליין אויך זייער צופרידן. אָן אייך וואָלט איך דאָ פאַרפאַלן געוואָרן, איך וואָלט נישט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן.

דער גאָראָדניטשי

אָן דער זייט

יאָ, יאָ דערצייל! נישט געהאַט צו באַצאָלן. (אויפן קול) איך האָב די דרייסטקייט אייך צו פרעגן, וווּ און אין וועלכער געגנט פאָרט איר איצט?

כלעסטאַקאָוו

איך פאָר איצט אין סאַראַטאָווער גובערניע, אין מיין אייגענעם דאָרף.

דער גאָראָדניטשי

(אָן דער זייט מיט אַ פּנים, וואָס נעמט אָן אַן איראָנישן אויסדרוק)

אין סאַראַטאָווער גובערניע און ער ווערט אַפילו נישט רויט, אָ, מיט אים דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק. (אויפן קול) איר האָט אוודאי אַ גוטלעכן צוועק פאַר זיך און די וועגן זענען נישט אין אָרדנונג, אויף קיין פערד קאָן מען זיך נישט דערוואַרטן. איר פאָרט דאָך אוודאי צוליב אַביסל ווײַלן-זיך?

כלעסטאַקאָוו

ניין, דער טאַטעשי מיינער פאָדערט מיך צו זיך. דער אַלטער איז אין כעס געוואָרן, וואָס איך האָב נאָך גאָרנישט אויסגעדינט אין פּעטערבורג, ער האָט געמיינט, באַלד, ווי איך וועל קומען, וועט מען מיר אַ „וולאַדימיר" געבן, אַ מעדאַל... ניין, איך וואָלט אים אַליין געשיקט זיך אויסטענהן אין קאַנצעלאַריע.

דער גאָראָדניטשי

אָן דער זייט

גיט נאָר אַכטונג, ווי ער באַקט און דעם אַלטן טאַטן האָט ער

אויך צוגעטשעפּעט. (אויפֿן קול) אויף לאַנג פֿאָרט איר?

כלעסטאַקאָוו

אויף ריכטיק ווייס איך נישט, מיין פֿאָטער איז נאַריש און איינ-געשפּאַרט, אַן אַלטער קלאָץ. איך וועל אים גלייך זאָגן: ווי דו ווילסט, אָן פּעטערבורג קאָן איך נישט לעבן. צו וואָס און צו ווען באַדאַרף איך מיין לעבן באַגראָבן מיט די פּויערים? איצט זענען שוין נישט די זעלבע פֿאַרלאַנגען, מיין נשמה זוכט ליכט.

דער גאָראָדניטשי

(צו דער זייט)

ער מאַכט עס גרויסאַרטיק, ער פּליאַדערט, פּליאַדערט און פֿאַלט נישט אַריין. און דאַכט זיך אַזאַ קליינטשקער, אַזאַ גאַרנישטל, מיט אַ נאָגל וואָלט איך אים צעקוועטשט. וואַרט, וואַרט! וועסט זיך בּאַ מיר אַרויסרעדן. איך וועל דיך שוין צווינגען, דו זאָלסט מיר מער דערציילן! (אויפֿן קול) איר האָט גאַנץ ריכטיק געזאָגט, וואָס קאָן מען דאָרטן אויפֿטאָן אין דעם פֿאַרוואָרפֿענעם ווינקל? דאָ אין שטאָט, שלאָפֿסטו קיינמאָל נישט, אַרבעטסט פֿאַרן פֿאָטערלאַנד און די באַלוינונג ווען וועט קומען. (באַטראַכט דאָס צימער) דאַכט זיך, אַז דאָס צימער איז אַביסל פֿייכט.

כלעסטאַקאָוו

אַ שלעכטס צימער, און די וואַנצן זענען אַזעלכע גרויסע, ווי די הינט בייסן זיי.

דער גאָראָדניטשי

וואָס זאָגט איר דערצו! אַזאַ געבילדעטער גאַסט און ליידט פֿון וועמען? פֿון די נישטיקע וואַנצן, וועלכע טאָרן אַפֿילו אויף דער וועלט נישט געבוירן ווערן. און פֿינצטער איז דאָ אויך אין צימער?

כלעסטאַקאָוו

יאָ, זייער פֿינצטער. דער בעל-הבית שיקט נישט קיין ליכט. אַמאָל ווילט זיך עפּעס טאָן, לייענען, אָדער עס קומט אַ פֿאַנטאַזיע עפּעס צו פֿאַרפֿאַסן, איז אָבער פֿינצטער, פֿינצטער.

דער גאָראָדניטשי

מעג איך איך בעטן... ניין, איך בין עס נישט ווערט.

**כלעסטאַקאָוו**

אָבער וואָס?

**דער גאָראָדניטשי**

ניין, ניין, איך בין עס נישט ווערט, איך בין עס נישט ווערט.

**כלעסטאַקאָוו**

און דאָך, וואָס אַזוינס?

**דער גאָראָדניטשי**

ווען איך וואָלט געהאַט די העזה... בײַ מיר איז פֿאַראַן פֿאַר אײַך אַ גרויסאַרטיקער צימער, אַ ליכטיקער, אַ רויִקער. נאָר ניין, איך זע אַליין, אַז דאָס איז אַ צו גרויסער כּבֿוד פֿאַר מיר. בייזערט זיך נישט אויף מיר, איך טו עס פֿון גאַסטפֿרײַנטלעכקייט.

**כלעסטאַקאָוו**

פֿאַר וואָס נישט? מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן, מיר וואָלט אַ סך אָנגענעמער געווען אין אַ פּריוואַט-הויז, איידער אין דער דאָזיקער שענק.

**דער גאָראָדניטשי**

איך וועל זייער צופֿרידן זײַן און מײַן ווײַב וועט זיך דערפֿרייען! איך האָב שוין אַזאַ נאַטור. גאַסטפֿרײַנטלעכקייט פֿון קינדווייז אָן. און איבערהויפּט, ווען דער גאַסט איז אַ געבילדעטער מענטש. אָ, טראַכט נישט, אַז איך רעד עס פֿון חניפֿה, ניין, איך האָב נישט די שלעכטע מידה, פֿון טיפֿן האַרצן...

**כלעסטאַקאָוו**

איך דאַנק אײַך זייער, איך אַליין האָב אויך זייער פֿײַנט צווייפּנימדיקע. מיר געפֿעלט זייער אייער אָפֿנהאַרציקייט און פֿרײַנטשאַפֿט. איך פֿאַרלאַנג נישט מער, ווי אַכטונג און איבערגעבנקייט, איבערגעבנקייט און אַכטונג.

## בילד IX

### די וועלבע און דער טראַקטיר־דינער באַגלייט פֿון אָסיפּן.

(פּאָבטשינסקי קוקט־אַריין דורך דער טיר)

דער באַדינער

איר האָט מיך גערופֿן?

כלעסטאַקאָוו

ברענג אַ רעכנונג!

דער באַדינער

איך האָב אייך שוין געגעבן אַ רעכנונג.

כלעסטאַקאָוו

איך געדענק נישט דיינע נאַרישע חשבונות, זאָג, וויפֿל קומט?

דער באַדינער

איר האָט דעם ערשטן טאָג געבעטן אַ מיטאָג און דעם צווייטן טאָג צוגעביסן לאַקס, דערנאָך איז אַלץ אַוועק אויף באָרג.

כלעסטאַקאָוו

אידיאָט! גענומען חשבונען! וויפֿל קומט אינגאַנצן?

דער גאָראָדניטשי

איר דאַרפֿט זיך נישט אויפֿרעגן, ער וועט צוװאַרטן. (צום באַדינער) פּאַשאָל וואָן! מען וועט שוין צושיקן.

כלעסטאַקאָוו

גאַנץ ריכטיק! עס קאָן דאָך זיין אַזוי (באַהאַלט דאָס געלט, דער באַדינער גייט צוועק. אין טיר קוקט אַריין באָבטשינסקי).

## בילד X

### דער גאָראָדניטשי, כלעסטאַקאָוו, דאָבטשינסקי.

דער גאָראָדניטשי

וואָלט איר אפֿשר וועלן באַטראַכטן איצט די אַנשטאַלטן פֿון

אונדזער שטאָט, די צדקה־חברות און אַנדערע?

**כלעסטאַקאָוו**

וואָס איז דאָרט אַזוינס?

**דער גאָראָדניטשי**

איר וועט זען, ווי עס גייען אונדזערע ענינים, וואָס פאַר אַן אָרדנונג!

**כלעסטאַקאָוו**

מיטן גרעסטן פאַרגעניגן (באָבטשינסקי רוקט־אַריין דעם קאָפּ אין טיר).

**דער גאָראָדניטשי**

אויב אייך וועט זיך גלוסטן, וועלן מיר אויך אַריינגיין אין אַ שול זען, ווי מען לערנט באַ אונדז.

**כלעסטאַקאָוו**

גוט, גוט...

**דער גאָראָדניטשי**

דערנאָך וועלן מיר באַזוכן די טורמע, איר וועט זען, ווי באַ אונדז ווערן אויפגעהאַלטן די פאַרברעכער.

**כלעסטאַקאָוו**

אָבער צו וואָס די טורמע? מיר וועלן שוין בעסער באַטראַכטן די צדקה־חברות.

**דער גאָראָדניטשי**

ווי אייך געפעלט! ווילט איר פאָרן אין אַ קאַרעטע, אָדער צוזאַ־מען מיט מיר אין מיין דראָשקע.

**כלעסטאַקאָוו**

איך וועל בעסער פאָרן מיט אייך אין אייער דראָשקע.

**דער גאָראָדניטשי**

צו דאָבטשינסקין

הערט זיך איין, לויפט גיכער, אָבער לויפט אויף אַלע פיר און טראָגט מיר אַוועק צוויי צעטעלעך. איינס אין די צדקה־חברות פון זעמליאַניקא און דאָס צווייטע צו מיין ווייב. (צו כלעסטאַקאָוון) איר וועט מיר דערלויבן אין אייער אָנוועזנהייט אָנשרייבן אַ שורהלע צו מיין ווייב, זי זאָל זיך צוגרייטן אויפצונעמען אַזאַ געשעצטן גאַסט.

כלעסטאַקאָוו

אָבער צו וואָס? און אפשר... אָט איז טינט און פּאַפּיר ווייס איך נישט... אפשר אויף דעם רעכנונג.

דער גאָראָדניטשי

איך וועל אויף דעם אָנשרייבן. (שרייבט און אין דער זעלבער צייט רעדט ער צו זיך) און איצט וועלן מיר זען, ווי די זאַך וועט אַוועקגיין נאָכן פרישטיק. בײַ אַ פלעשעלע... בײַ אונדז איז אַ מאַדערע, עס קאָן אַ העלפאַנט אַוועקלייגן. אַבי נאָר צו דערגיין, וואָס ער איז אַזוינס און פאַרוואָס באַדאַרף מען מורא האָבן. (דאָס אָנגעשריבענע גיט ער איבער דאָבטשינסקין, וועלכער גייט צו צו דער טיר, נאָר אין דער רגע רייסט זיך די טיר אָפּ און באָבטשינסקי, וועלכער האָט די גאַנצע צייט אונטערגעהערט, פאַלט אַריין צוזאַמען מיט איר אויף דער סצענע. אַלע שרייען אויס, באָבטשינסקי הייבט זיך אויף).

כלעסטאַקאָוו

וואָס? איר האָט זיך צעשלאָגן?

באָבטשינסקי

גאָרנישט, גאָרנישט, בלויז די נאָז אַביסעלע צעקלאַפּט, איך וועל אַריינלויפן צו כריסטיאַן איוואַנאָוויטשן, איך וועל בײַ אים נעמען אַ פלאַסטערל, עס וועט גאָרנישט זיין.

דער גאָראָדניטשי

שטראָפט באָבטשינסקין מיטן פינגער. צו כלעסטאַקאָוון

דאָס איז גאָרנישט, איך בעט אייך זייער... און אייער דינער וועל איך זאָגן, ער זאָל אַריבערטראָגן אייער טשעמאָדאַן צו מיר. (אָסיפּ) ליבנקער, טראָג עס אַוועק צו מיר, צום גאָראָדניטשי, יעדערער וועט דיר ווייזן ווו. איך בעט דיך זייער! (לאָזט פאָרביי כלעסטאַקאָוון און גייט נאָך אים, קערט זיך אום און קוקט מיט שטראָף־בליקן אויף באָבטשינסקין) נו, נו, נישט געפונען קיין אַנדער אָרט, ווו צו פאַלן און אַזוי זיך אויסגעצויגן, ווי אַ שד... (גייט אַוועק, נאָך אים באָבטשינסקי, דער פאָרהאַנג פאַלט).

# דריטער אַקט.

דאָס צימער פון ערשטן אקט.

## בילד 1

### אנא אנדרעעוונא, מאריא אנטאָנאָוונא.

שטייען באַם פענצטער

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

שוין אַ גאַנצע שעה, ווי מיר וואַרטן און דו... דו האָסט זיך נאָך אַלץ נישט אָנגעטאָן. מען זעט נאָך נישט קיינעם נישט.

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

באַלד, מאַמעלע! נאָך אַ פּאָר מינוט, און מיר וועלן זיך אַלץ דערוויסען, אַוודאָטיאַ וועט שוין באַלד קומען (קוקט־אַרויס פון פענצ־טער און שרייט־אויס): אַך, מאַמענקע, מאַמענקע, דאָרט גייט שוין ווער, באַם עק גאַס.

אַנאַ אַנדרעוונאַ

ווער גייט? דו האָסט שטענדיק דיינע פאַנטאַזיעס. נו, עמיצער גייט טאַקע... ווער גייט?... אַ קליין געוויקס... אין אַ פראַק... ווער איז עס? ווער קאָן עס זיין?

---

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

דאָס איז דאָבטשינסקי, מאַמענקע!

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

וועלכער דאָבטשינסקי? דיר דוכט זיך שטענדיק אַלץ אויס אַזעל־כעס... ס׳איז גאָרנישט דאָבטשינסקי (פאָכעט מיט אַ טיכעל): העי, איר, קומט אַהער, גיכער!

SZOLEM / HASMONEA

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ
אמת, מאַמענקע, דאָבטשינסקי.
אַנאַ אַנדרעעוונאַ
נאָר אויף צו להכעיס, אַבי זיך צו קריגן. מען זאָגט דאָך דיר, אַז דאָס איז נישט דאָבטשינסקי.
מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ
האַ! מאַמענקע, האַ! דו זעסט שוין, טאַקע דאָבטשינסקי!
אַנאַ אַנדרעעוונאַ
נו, יאָ, דאָבטשינסקי, איצטער זע איך. (שרייט פון פענצטער) גיכער, גיכער, איר גייט אַזוי לאַנגזאַם. נו, וואָס, ווו זענען זיי? יאָ? רעדט, רעדט פון דאַנעט, אַלץ איינס, וואָס? זייער אַ שטרענגער? האַ? און מיין מאַן? מיין מאַן? (טרעט־אָפּ פון פענצטער, אביסל אין כעס) אַזאַ נאַר, כל-זמן ער וועט נישט אַריין אין צימער, וועט ער גאָרנישט זאָגן.

# בילד II

## די זעלבע מיט דאָבטשינסקין.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ
נו, זאָגט איר אַליין, ווי שעמט איר זיך נישט? איך האָב זיך אויף אייך פאַרלאָזט, ווי אויף אַן אָרנטלעכן מענטשן. אַלע זענען פּלוצלינג אַנטלאָפן און איר אויך מיט זיי. וואָס? איר קאָנט דערוויל גאָרנישט דערגיין? ווי שעמט איר זיך נישט! איך בין דאָך באַ אייך געווען קוויף-מוטער באַ אייער וואַניטשקען און באַ אייער ליזעקען און איר באַגייט זיך מיט מיר אַזוי שלעכט.
דאָבטשינסקי
אויף מיין ערן-וואָרט, מחותנתטע, איך בין אַזוי געלאָפן, אַז איך קאָן דעם אָטעם נישט כאַפּן, ביין אַכטונג צו אייך, מאַריאַ אַנ-טאָנאָוונאַ!
מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ
זייט באַגריסט, פּיאָטר איוואַנאָוויטש.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

נו, וואָס? נו, דערציילט, ווי און וואָס דאָרטן איז?

דאָבטשינסקי

אַנטאָן אַנטאָנאָוויטש האָט געשיקט צו אייך אַ צעטעלע.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

אָבער ווער איז ער? אַ גענעראַל?

דאָבטשינסקי

ניין, נישט קיין גענעראַל, נאָר ער וועט ביישטיין אַ גענעראַל. אַזאַ בילדונג! אַזאַ געשטאַלט!

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

און דאָס איז דער זעלבער, וועגן וועלכן מען האָט געשריבן צו מיין מאַן?

דאָבטשינסקי

דער זעלבער. איך האָב עס דער ערשטער אַנטדעקט מיט פּיאָטר איוואַנאָוויטשן.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

נו, דערציילט, ווי? וואָס?

דאָבטשינסקי

יאָ, גאָט צו דאַנקען, אַלץ איז אין אָרדנונג. צוערשט האָט ער געפּרוּווט זיך בייזערן אויף אַנטאָן אַנטאָנאָוויטשן, ער האָט אַלץ גערעדט, אַז אין האָטעל איז זייער שלעכט, ער האָט נישט געוואָלט מיטפאָרן מיט אים, ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל נישט גיין אין טורמע צוליב אייער מאַן, נאָר דערנאָך, ווען ער האָט זיך איבערצייגט אין דער אומשולדיקייט פון אַנטאָן אַנטאָנאָוויטשן, ווען ער האָט זיך נעענטער באַקאַנט מיט אים, האָט ער באַלד געביטן זיין מיינונג און, גאָט צו דאַנקען, אַלץ איז אַוועק אויף אַ דרך. זיי זענען איצט צוגעפאָרן באַקוקן די צדקה-חברות. אַנטאָן אַנטאָנאָוויטש האָט שוין געטראַכט, אַז דאָס איז געווען אַ מסירה. איך האָב זיך אַליין אַביסל צוגעשראָקן...

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

וואָס האָט איר זיך צו שרעקן? איר דינט דאָך נישט.

ד אָ ב ט ש י נ ס ק י

אָט אַזוי זיך... איר פֿאַרשטייט, בעת דער אדון רעדט, פֿאַלט-אָן אַ שרעק...

אַ נ אַ אַ נ ד ר ע ע ו ו נ אַ

נו, וואָס... אָבער דאָס אַלץ איז נאַרישקייטן. דערציילט, ווו ער איז? ווי זעט ער אויס, יונג צי אַלט?

ד אָ ב ט ש י נ ס ק י

יונג, יונג, אַ יונגער מאַן, אַ דרייאונצוואַנציק יאָר און רעדט ווי אַן אַלטער. „איך", זאָגט ער, „וועל פֿאָרן דאָ און דאָרט". (מאַכט מיט די הענט) ווי ווויל דאָס איז! „איך", זאָגט ער, „האָב ליב עפּעס אָנצושרייבן און לייענען האָב איך ליב, נאָר דאָס צימער", זאָגט ער, שטערט, „אַביסל פֿינצטערלעך", זאָגט ער.

אַ נ אַ אַ נ ד ר ע ע ו ו נ אַ

און ווי זעט ער אויס? אַ ברונעט, צי אַ בלאָנדין?

ד אָ ב ט ש י נ ס ק י

ניין, ער, ער מער שאַנטרעט און די אויגן זענען אַזעלכע פֿלינקע, ווי חיהלעך, אַז דו פֿאַרלירסט זיך דערביי.

אַ נ אַ אַ נ ד ר ע ע ו ו נ אַ

וואָס שרייבט ער מיר דאָ אין צעטעלע? (לייענט) איך אייל זיך דיר צו וויסן געבן, נשמה מיינע, אַז מיין לאַגע איז געווען זייער אַ טרויעריקע, נאָר פֿאַרלאָזנדיק זיך אויף גאָטס רחמים... פֿאַר צוויי געזאַלצענע אוגערקעס באַזונדער און פֿאַר אַ האַלבע פּאָרציע קאַוויאָר אַ רובל מיט פֿינף און צוואָנציק קאָפּיקעס... (שטעלט זיך אָפּ) איך פֿאַרשטיי דאָ גאָרנישט, צו וואָס זענען דאָ די געזאַלצענע אוגערקעס און דער קאַוויאָר...

ד אָ ב ט ש י נ ס ק י

האַ! דאָס האָט אַנטאָן אַנטאָנאָוויטש אין איילעניש געשריבן אויף אַ שטיקל געוויינלעך פּאַפּיר. דאָרט איז עפּעס אַ רעכנונג געווען אָנגעשריבן.

אַ נ אַ אַ נ ד ר ע ע ו ו נ אַ

יאָ, ריכטיק (לייענט ווייטער) נאָר פֿאַרלאָזנדיק זיך אויף גאָטס רחמים, דאַכט זיך מיר, אַז אַלץ וועט דערגיין צו אַ גוטן סוף, גרייט



TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

שנעלער צו אַ צימער פאַר דעם וויכטיקן גאַסט, יענץ צימער, וואָס איז אויסגעקלעפּס מיט די געלע טאַפּעטן, צום מיטאָג דאַרפ־ סטו נישט צוגעבן, ווייל מיר וועלן זוביייסן אין צדקה־הויז, בא אַרטעמי פּיליפּאָוויטש און ווין הייס צוגרייטן—וואָס מער. זאָג דעם סוחר אַבדולין, ער זאָל שיקן דאָס בעסטע, אויב נישט וועל איך אים זיין גאַנץ געשעפט צעטרייסלען. איך קוש, נשמהלע, דיין הענטעלע, און איך פאַרבלייב דיין אַנטאָן אַנטאָנאָוויטש דמוכאַנאָווסקי... אַך, גאָט מיינער! מען באַדאַרף... וואָס גיכער. הער, ווער איז דאָרט? מישקאַ!

דאָבטשינסקי

לויפט צון שרייט אין טיר

מישקאַ! מישקאַ! מישקאַ! (מישקאַ קומט אַריין)

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

הער זיך איין: לויף צום סוחר אבדולין... וואַרט, איך וועל דיר מיטגעבן אַ צעטעלע. (זעצט־זיך צום טיש און שרייבט און רעדט דערווייל) דאָס צעטעלע זאָלסטו אָפּגעבן דעם קוטשער סידאָר, ער זאָל לויפן מיט דעם צום סוחר אַבדולין און ער זאָל ברענגען וויין פון דאָרטן און אַליין גיי און גרייט גוט צו דאָס צימער פאַרן גאַסט, אַוועק־שטעלן דאָרט אַ בעט, אַ טישל און אַלץ וואָס מען דאַרף.

דאָבטשינסקי

און איך, אַנאַ אַנדרעעוונאַ, וועל איצט לויפן אַ קוק טאָן, וואָס ער טוט דאָרט.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

גייט, גייט! איך האַלט אייך נישט.

## בילד III

### אַנאַ אַנדרעעוונאַ און מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

נו, מאַשענקאַ, איצט וועלן מיר זיך פאַרנעמען מיט אונדזערע

טואַלעטן. ער איז אַ גרויסשטאָטיש אַנטיקל, ער קאָן נאָך, זאָל גאָט אויסהיטן, אָפּלאַכן פון עפּעס. פאַר דיר וואָלט זייער גוט גע־וועז אָנצוטאָן דיין בלוי קלייד מיט די קליינע פאַלדעלעך.

מאַריאַ אַנטאַנאָוונאַ

פע, מאַמענקע, דאָס בלויע געפעלט מיר נישט. ליאַפּקין-טיאַפּקין גייט אָנגעטאָן אין בלוי און זעמליאַניקעס טאָכטער אויך אין בלוי. איך וועל בעסער אָנטאָן דאָס געבלומטע קלייד.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

דאָס געבלומטע! דו רעדסט אַלץ אויף צו להכעיס. ווייל איך וויל אָנטאָן דאָס אָראַנזש-קלייד, איך האָב זייער ליב דאָס אָראַנזש-קלייד.

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

אַך, מאַמענקע! אָראַנזש אייך—קליידט דאָך נישט.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

מיר קליידט נישט?

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

עס קליידט נישט, איך פאַרזיכער אייך מיט אַלץ, עס קליידט נישט: צו דעם באַדאַרף מען האָבן טונקעלע אויגן.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

אָט האָסטו דיר! און מיינע אויגן זענען נישט קיין טונקעלע? עכט טונקעלע. סאַר אַ נאַרישקייט דו רעדסט, ווי אַזוי זענען זיי נישט קיין טונקעלע, ווען איך וואַרף שטענדיק קאָרטן פאַר זיך אויס אויף דער דאַמע טרעף?

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

אַך, מאַמענקע! איר זענט גיכער דאַמע רייך.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

נאַרישקייטן, כסדר נאַרישקייטן. איך בין קיינמאָל נישט געווען דאַמע רייך. (גייט איילנדיק אַוועק מיט מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ און רעדט אונטער דער סצענע) וואָס איינע רעדט זיך איין: דאַמע רייך! איין גאָט ווייס וואָס! (נאָך זייער אַוועקגיין עפנט זיך די טיר און מישקאַ וואַרפט אַרויס דורך דער טיר דאָס מיסט. דורך דער צווייטער קומט־אַריין אָסיפּ מיט אַ טשעמאָדאַן אויפן קאָפּ.)

## בילד IV

### מישקאַ און אָסיפּ.

אָסיפּ

וווּהין-דאָ?

מישקאַ

אַהערצו, פּעטער לעבן! אַהערצו...

אָסיפּ

וואַרט נאָר, לאָז זיך פריער אָפּרוען, אוי דו קלאָגעדיק לעבן, אויף אַ פּוסטן מאָגן איז יעדע משא שווער.

מישקאַ

פּעטערל! דער גענעראַל וועט גיך קומען?

אָסיפּ

וועלכער גענעראַל?

מישקאַ

וואָס הייסט? אייער פריץ.

אָסיפּ

מיין פריץ? וואָס איז ער פאַר אַ גענעראַל, איז ער?

מישקאַ

ער איז דען נישט קיין גענעראַל?

אָסיפּ

אַ גענעראַל, נאָר פון דער אַנדער זייט.

מישקאַ

וואָס איז דאָס אַזוינס? גרעסער, צי קלענער פון אַ גענעראַל?

אָסיפּ

גרעסער.

מישקאַ

אוי, אוי, אוי, סאַר אַ טומל עס האָט באַ אונדז זיך אויפגעהויבן.

אָסיפּ

הער זיך נאָר איין, חברה-מאַן, ווי איך זע, ביזטו אַ דורכגעטריי־בענער יונג, טאָ גרייט עפּעס צו צום עסן...

מישקאַ

פאַר אייך, פעטערל, איז נאָך גאָרנישט פאַרטיק, אַ פראָסט עסן וועט איר דאָך נישט פאַרזוכן, אָבער וואַרט נאָר, בעת אייער פריץ וועט זיך זעצן צום טיש, דאַן וועט מען אויך אייך געבן.

אָסיפ

און פון פראָסטן עסן, וואָס איז פאַראַן בײַ אייך?

מישקאַ

באָרשטש, קאַשע און פּיראָגעס.

אָסיפ

אַהער דעם באָרשטש, די קאַשע און די פּיראָגעס. עס מאַכט נישט אויס, מירן אַלץ עסן. נו לאָמיר אַוועקטראָגן דעם טשעמאָדאַן! איז דאָרט פאַראַן אַ צווייטער אַרויסגאַנג?

מישקאַ

פאַראַן. (ביידע טראָגן־אַוועק דעם טשעמאָדאַן אין זייטיקן צימער)

# בילד V

צוויי פּאָליציאַנטן עפענען ביידע העלפטן פון די טירן. עס קומט אַרײַן כלעסטאַקאָוו, נאָך אים דער גאָראָדניטשי, אַביסל שפּעטער דער פּאָטשטמייסטער, דער שול־אויפזעער, דאָבטשינסקי און באָבטשינסקי מיט אַ פּלאַסטער אויף דער נאָז. דער גאָראָדניטשי ווייזט־אָן די פּאָליציאַנטן אויף אַ פּאַפּירל, וואָס ליגט אויף דער פּאָדלאָגע, זיי לויפן און הייבן עס אויף, שטויסן זיך איינער דעם צווייטן אין איילעניש.

כלעסטאַקאָוו

די אַנשטאַלטן אייערע זענען זייער גוט. מיר געפעלט, וואָס איר באַווייזט אַלץ, וואָס אייער שטאָט פאַרמאָגט. אין אַנדערע שטעט האָט מען מיר גאָרנישט געוויזן.

דער גאָראָדניטשי

אין אַנדערע שטעט, דערוועג איך זיך צו זאָגן, טראַכטן די שטאָט־פירער און די באַאמטע מער פאַר זייערע אייגענע נוצן, און דאָ טראַכט מען נישט פון קיין אַנדער זאַך, ווי וועגן דער אָרדנונג אין שטאָט.

כלעסטאַקאָוו

דער פרישטיק איז געווען זייער גוט. איך האָב זיך באמת אָנגע-געסן. יעדן טאָג איז בײַ אײַך אַזאַ פרישטיק?

דער גאָראָדניטשי

פאַר אַזאַ אָנגענעמען גאַסט...

כלעסטאַקאָוו

איך האָב ליב אַן עס צו טאָן, אויף דעם לעבט מען דאָך, צו האָבן הנאה פון דער וועלט... ווי רופן זיך די פיש?

אַרטעמי פיליפאָוויטש

שפרינגט־צו

לאַבאַרדין...

כלעסטאַקאָוו

זייער געשמאַק. ווו האָבן מיר עס געפרישטיקט? אין שפיטאָל? יאָ...

אַרטעמי פיליפאָוויטש

גאַנץ ריכטיק, אין צדקה-הויז.

כלעסטאַקאָוו

יאָ, אמת, איך געדענק, דאָרט זענען געשטאַנען בעטן. און די קראַנקע זענען שוין געזונט געוואָרן, קיין סך זענען זיי דאָרט נישט פאַראַן?

אַרטעמי פיליפאָוויטש

אַ מאַן צען זענען געבליבן, נישט מער, די איבעריקע זענען אַלע געזונט געוואָרן. דאָס איז שוין בײַ אונדז אַזוי איינגעאָרדנט, אַזאַ אָרדנונג, זינט איך האָב עס איבערגענומען... אפשר וועט אײַך דאָס אויסזען אומגלייבלעך, נאָר אַלע ווערן זיי ווי די פליגן געזונט, דער קראַנקער באַווייזט נאָר אַרײַנצוגיין אין שפיטאָל, ווערט ער שוין געזונט, און נישט אַזוי מיט רפואות, ווי מיט אָרנטלעכקייט און אָרדנונג.

דער גאָראָדניטשי

און וועגן אַלץ, דערוועג איך אײַך צו מעלדן, זאָרגט דער גאָראָד-ניטשי. דאָ ריינקייט, דאָרט פאַרריכטן. מיט איין וואָרט, דער קלוגס-טער מענטש וואָלט אַרײַנגעפאַלן אין אַ שווערער לאַגע. נאָר, גאָט צו דאַנקען, אַלץ גייט אין אָרדנונג. אַן אַנדער גאָראָדניטשי וואָלט

געטראַכט פאַר זיינע אייגענע נוצן, נאָר גלייבט מיר, אַפילו ווען דו לייגסט זיך שלאָפן, טראַכסטו אַלץ: רבונו-של-עולם! ווייז-אָן ווי צו מאַכן, אַז די נאַטשאַלסטוואָ זאָל זען מיין פלייסיקייט און זאָל זיין מיט מיר צופרידן. וועט מען מיך באַלוינען דערפאַר? דאָס ווייס איך נישט, נאָר זאָל כאָטש אַמווייניקסטן זיין רויק. ווען אין שטאָט הערשט אָרדנונג, די גאַסן זענען פאַרקערט, די אַרעסטאַנטן לעבן גוט, שיכורים זענען ווייניק... וואָס דאַרף איך דעמאָלט מער? איך וויל נישט קיין כבודים, כאָטש עס רייצט, נאָר אַנטקעגן גוטע מידות איז דאָס נישט מער ווי שטויב און גישטיקייט...

**אַרטעמי פיליפאָוויטש**

(אָן דער זייט)

אַזאַ ליידיקגייער, ווי ער מאָלט עס! אַז גאָט האָט אים געגעבן אַזאַ געבענשטע צונג...

**כלעסטאַקאָוו**

דאָס איז אמת. איך האָב אַליין זיך ליב אַמאָל צו פאַרטראַכטן. אַמאָל וואַרף איך אָן עפעס אין פראָזע און אַמאָל אַ לידל.

**באָבטשינסקי**

(צו דאָבטשינסקין)

גאַנץ ריכטיק, פיאָטר איוואַנאָוויטש, גאַנץ ריכטיק... סאַר אַ באַמערקונגען, מען זעט באַלד, אַז דאָס איז אַ געבילדעטער מענטש.

**כלעסטאַקאָוו**

זאָגט מיר, זייט אַזוי גוט! זענען נישטאָ בײַ אייך וועלכע עס איז פאַרוויילונגען, אַ געזעלשאַפט, וווּ מען זאָל קאָנען, למשל, אַ שפּילכל טאָן אין קאָרטן?

**דער גאָראָדניטשי**

(אָן דער זייט)

הע, הע! מיר ווייסן, חברל, אין וועמעס גאָרטן מען וואַרפט שטיינדלעך. (אויפן קול) זאָל גאָט אויסהיטן! בײַ אונדז ווייס מען נישט פון אַזעלכע געזעלשאַפטן. איך האָב קיין קאָרטן אין מיין האַנט באַך נישט געהאַלטן, איך ווייס אַפילו נישט, ווי מען שפּילט אין קאָרטן. איך קאָן זיך גלייכגילטיק נישט צו קוקן, און אויב

עס טרעפט אַמאָל צו זען אָט אַזאַ בובנע קעניג, אָדער עפּעס אַנ-
דערש, נעמט מיך אָן אַן עקל, אַז שפּייען ווילט זיך. בלויז איינ-
מאָל האָט פּאַסירט. ווען איך האָב זיך געשפּילט מיט די קינדער,
האָב איך זיי אויסגעבויט פון קאַרטן — אַ קאַרטן-שטיבל, דערנאָך
האָבן זיך מיר די פאַרשאָלטענע קאַרטן געחלומט אַ גאַנצע נאַכט,
ווי קאָן מען עס זיי אַוועקגעבן די גאָלדענע צייט?...

לוקאַ לוקיטש

אָן דער זייט

און באַ מיר האָט ער נעכטן, דער פּאָדליעץ, אויסגעשווינדלט
גאַנצע הונדערט רובל.

דער גאָראָדניטשי

בעסער שוין אַוועקגעבן די צייט צו דינען דער מלוכה.

כלעסטאַקאָוו

ס׳איז נישט אַזוי שרעקלעך, אַלץ ווענדט זיך אָן דעם, פון וועל-
כער זייט מען קוקט אויף יעדער זאַך. אויב, למשל, מען פּאַסט —
דאַרף מען גלייך פאַרבייגן פון די ווינקלען, נו דעמאָלט, פאַר-
שטייט זיך... ניין, זאָגט עס נישט, אַמאָל איז זייער אינטערע-
סאַנט צו שפּילן.

## בילד VI

די זעלבע, אַנאַ אַנדרעעוונאַ און מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ.

דער גאָראָדניטשי

איך האָב דעם כבוד אייך פאָרצושטעלן מיין פאַמיליע. מיין פרוי
און מיין טאָכטער.

כלעסטאַקאָוו

פאַרבייגט־זיך

איך בין זייער גליקלעך, גנעדיקע פרוי, וואָס איך האָב דעם פאַר-
געניגן אייך צו זען.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

אונדז איז נאָך מער אָנגענעם צו זען באַ זיך אַזאַ פּערזאָן.

בלעסטאַקאָוו

פֿאַזירט.

אָ, ניין, גנעדיקע, פונקט פאַרקערט, מיר איז נאָך מער אָנגענעם.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

אַך, ווי אַזוי? איר רעדט עס, כדי צו זאָגן קאָמפּלימענטן. איך בעט אייך, זעצט זיך.

בלעסטאַקאָוו

לעם אייך צו שטיין איז שוין אַ גליק, נאָר אויב איר ווילט עס, וועל איך זיך זעצן. איך בין גליקלעך, וואָס איך זיץ לעם אייך.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

נו, נו. איך טאָר נישט נעמען אויף מיין חשבון... איך טראַכט, אַז נאָך דער הויפּט-שטאָט, איז אייער רייזע אייך געווען נישט זייער אָנגענעם.

בלעסטאַקאָוו

געוואַלדיק נישט אָנגענעם. איך בין געוווינט צו לעבן Comprener soirs אין געזעלשאַפט און מיטאַמאָל אַרייַנפֿאַלן אין וועג, שמוציקע טראַקטירן, פינצטערניש, צווישן כאַמעס. ווען נישט דער צופאַל, וועלכער האָט מיך (קוקט אויף אַנאַ אַנדרעעוונאַ און פּאָזירט אַנטקעגן איר) אַזוי באַלוינט פאַר אַלץ.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

יאָ, געוויס, אייך האָט געמוזט זיין זייער אומאָנגענעם.

בלעסטאַקאָוו

איבעריקס, אין דער מינוט איז מיר זייער גוט, גנעדיקע!

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

ווי קאָנט איר... איר טוט-אונדז-אָן צופיל כבוד, איך פאַרדין דאָס נישט.

בלעסטאַקאָוו

פאַרוואָס פאַרדינט איר עס נישט? איר פאַרדינט עס זייער.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

איך לעב אין דאָרף.

בלעסטאַקאָוו

יאָ, אַ דאָרף, איבעריקס, דאָס דאָרף האָט אויך זיינע בערגעלעך

און טייכעלעך... פאַרשטייט זיך, מען קאָן עס נישט פאַרגלייכן מיט פעטערבורג. אַך, פעטערבורג! וואָס פאַר אַ לעבן, באמת. איר טראַכט אפשר, אַז איך בין בלויז אַן איבערשרייבער. ניין, דער שעף פון מיין אָפּטיילונג איז מיט מיר אַ גוטער ברודער. קלאַפּט ער מיר אָפּט אַזוי אין פּלייצע: „קום, ברודער, אויף מיטאָג!" איך קום נאָר אויף צוויי מינוט אַריין אין דעפּאַרטאַמענט, כּדי צו זאָגן „אָט אַזוי" און „אַזוי" און דער באַאמטער כאַפּט באַלד די פּעדער און לאָזט זיך שרייבן. מען האָט מיך אַפילו געוואָלט מאַכן פאַר אַ קאָלעזשסקי אַסעסאָר, נאָר איך האָב זיך געטראַכט—צו וואָס... דער סטרוזש לויפט מיר נאָך אויף די טרעפּ מיט אַ באַרשט. „זייט אַזוי גוט, איוואַן אַלעקסאַנדראָוויטש! איך וועל אייך"... זאָגט ער, „די שטיוול אָפּפּוצן". (צום גאָראָדניטשי) וואָס שטייט איר, מיינע הערן, איך בעט אייך, זעצט זיך.

דער גאָראָדניטשי

אַזאַ יחסן קאָן נאָך אונטערשטיין.

אַרטעמי פיליפּאָוויטש

מיר וועלן אונטערשטיין.

לוקאַ לוקיטש

איר דאַרפט זיך נישט באַאונרויקן.

(אַלע צוזאַמען)

כלעסטאַקאָוו

אָן יחוס! איך בעט אייך זיך זעצן. (דער גאָראָדניטשי און די איבעריקע זעצן-זיך) איך האָב נישט ליב קיין צערעמאָניעס. פאַרקערט, איך באַמי זיך, מען זאָל מיך נישט באַמערקן. נאָר מען קאָן זיך נישט באַהאַלטן, פאַר קיין פאַל נישט. ווי איך באַווייז זיך נאָר ערגעץ, נעמט מען באַלד רעדן: אָט גייט איוואַן אַלעקסאַנדראָוויטש! און איינמאָל האָט מען מיך אַפילו אָנגענומען פאַרן הויפּט-קאָמאַנדיר. די סאָלדאַטן זענען אַרויסגעלאָפן פון דער הויפּט-וואַך און סאַלוטירט פאַר מיר. דערנאָך האָט מיר דער אָפיציר, מיינס אַ גוטער באַקאַנטער, דערציילט: מיר האָבן דיך, ברודער, אָנגענומען פאַרן הויפּט-קאָמאַנדיר.

אַננאַ אַנדרעיעווינאַ

וואָס איך הער!

כלעסטאַקאָוו

איך בין באַקאַנט מיט שײנינקע אַקטריסעס. איך האָב דאָך אַלײן מײנע װאָדעװילטשיקעס... די שרײבערס זע איך אָפּט. מיט פּוש-קינען זענען מיר גוטע פרײנט. אָפטמאָל זאָג איך צו אים: „נו, װאָס קאָלעגאַ, פּושקין?" „אָט אַזױ, קאָלעגע" ענטפערט ער. „אַלץ, װי געװען". אַ גרױסער אָריגינאַל!

אַנאַ אַנדרעװנאַ

און שרײבן שרײבט איר אױך, דער פּאַרפאַסער האָט פון דעם פאַרגעניגן, איר דרוקט זיך אװדאי אין די זשורנאַלן.

כלעסטאַקאָװ

יאָ, איך דרוק אױך אין די זשורנאַלן. איך האָב אַ סך װערק: פיגאַראָס האָכצײט, ראָבערט דער טײװל, נאָרמאַ, איך געדענק שױן די נעמען אַפילו נישט. און אַלץ איז דאָס צופעליק. איך האָב נישט געװאָלט שרײבן, נאָר די טעאַטער-דירעקציע האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט: „זײ אַזױ גוט, ברודער, שרײב עפּעס אָן!" איך אין אײן אָװנט האָב איך עס, דאַכט זיך, אַלץ אָנגעשריבן און אַלעמען איבערראַשט. בײ מיר איז אַ געװאַלטיקע לײכטקײט אין די געדאַנקען. אַלץ, װאָס איז געװען אונטערן נאָמען פון באַראָן בראַמבעאוס, די שיף „האָפנונג" און „מאָסקװער טעלעגראַף"... דאָס האָב איך אַלץ אָנגעשריבן.

אַנאַ אַנדרעװנאַ

זענט איר דאָס געװען בראַמבעאוס?

כלעסטאַקאָװ

װאָס דען? איך פאַרריכט זײ אַלעמען די אַרטיקלען. סמורדין צאָלט מיר דערפאַר פערציק טױזנט.

אַנאַ אַנדרעװנאַ

און יורי מילאָסלאַװסקי איז אױך פון אײַך פאַרפאַסט?

כלעסטאַקאָװ

יאָ, דאָס איז מײן װערק.

אַנאַ אַנדרעװנאַ

איך האָב עס באַלד פאַרשטאַנען.

**מאַריאַ אַנטאָנאָװנאַ**

אַך, מאַמענקע, דאָרט איז אָנגעשריבן, אַז דאָס האָט זאַגאָסקין פאַרפאַסט.

**אַנאַ אַנדרעיעװנאַ**

איך האָב געװוּסט, אַז אויך דאָ װעסטו זיך מיט מיר שפּאַרן!

**כלעסטאַקאָװ**

יאָ, יאָ. דאָס איז טאַקע זאַגאָסקינס, נאָר עס איז פאַראַן אַ צװייטער יורי מילאָסלאַװסקי, יענער איז מיינער.

**אַנאַ אַנדרעיעװנאַ**

גאַנץ ריכטיק! איך האָב טאַקע אייערן געלייענט. גרויסאַרטיק אָנגעשריבן.

**כלעסטאַקאָװ**

איך אָטעם מיט ליטעראַטור. אין פּעטערבורג איז דאָס שענסטע הויז מיינס. אומעטום איז באַװוּסט: איוואַן אַלעקסאַנדראָװיטשעס הויז. (װענדט-זיך צו אַלעמען) מיינע הערן, אַז איר װעט זיין אין פּעטערבורג, פאַרבעט איך אייך צו זיך, באַ מיר קומען פאָר בעלער...

**אַנאַ אַנדרעיעװנאַ**

איך טראַכט, אַז די בעלער זענען דאָרט מיט געשמאַק און רייך.

**כלעסטאַקאָװ**

פרעגט בעסער נישט! אויפן טיש שטייט אַ קאַװאָן, זיבן הונדערט רובל אַ קאַװאָן, די זופּ איז אין אַ פאַן געקומען מיט אַ שיף גלייך פון פּאַריז. עפנט מען דאָס דעקל, שלאָגט אַ פּאַרע, װאָס אויף דער גאַנצער װעלט קאָן מען עס נישט געפינען. איך גיב יעדן טאָג אַ באַל. מיר האָבן דאָרט אונדזער װיסט-געזעלשאַפט: דער אויסערן-מיניסטער, דער פראַנצויזישער געזאַנדטער, דער ענגלישער, דער דייטשער, און איך. מען פאַרמאַטערט זיך פון שפּילן, לויף איך אַרויף צו זיך אויפן פערטן שטאָק. „נעם, מאַוורושע, דעם שינעל". װאָס רעד איך? איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז איך װוין אויף דעם בעלעטאַזש. באַ מיר איז איין טרעפּל. אָבער עס איז נייגעריק אַ קוק צו טאָן באַ מיר אין פאָר-צימער, אײדער איך כאַפּ זיך נאָך אויף. גראַפן און פירשטן שטויסן-זיך

און זשוזשען, ווי די בינען... זש, זש, זש... אַמאָל קומט אויך אַ מיניסטער. (דער גאָראָדניטשי און די איבעריקע שטייען־אויף מיט פרייד פון זייערע ערטער) אַפילו אויף די פּאַקעטן שרייבט מען צו מיר „וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ". איינמאָל האָב איך שוין אָנגעפירט מיט אַ דעפּאַרטאַמענט. און מאָדנע! דער דירעקטאָר איז אַוועקגעפאָרן, ווּ ער איז אַוועקגעפאָרן איז נישט באַוווּסט געווען, נאָר פאַרשטייט זיך, עס זענען אַוועק קלאנגען... אָבער ווער זאָל פאַרנעמען זיין פּלאַץ? עס זענען געקומען אַ סך גענעראַלן און זיי האָבן זיך גענומען צו דעם, אָבער זיי זענען צו דעם נישט דערוואַקסן. עס זעט זיך אויס, אַז דאָס איז גאָרנישט, נאָר אַז מען גייט צו נענטער... זעט מען, אַז עס איז נישטאָ וואָס צו מאַכן, קומט מען צו מיר. און אין דער רגע לויפן שוין איבער די גאַסן שלוחים, שלוחים, שטעלט זיך פאָר: ביז פינף און דרייסיק טויזנט שלוחים. וואָס איז געשען?—פרעג איך. „איוואַן אַלעקסאַנדראָוויטש קומט אָנפירן מיטן דעפּאַרטאַמענט!" דעם אמת זאָגנדיק, איך האָב זיך אַביסל פאַרלוירן. איך בין אַרויס אין שלאָפראָק, געוואָלט זיך אָפּזאָגן פון דעם, נאָר איך האָב אַ טראַכט געטאָן, עס וועט נאָך דערגיין צום קייסער... „גוט", זאָג איך, „איך נעם עס אָן. זאָל זיין אַזוי, איך נעם עס אָן. נאָר איר זאָלט מיך פאָלגן, באַ מיר מוז אַלץ זיין אין אָרדנונג". און אַז איך פלעג פאַרבייגיין דעם דעפּאַרטאַמענט, פלעגט זיך פילן אַן ערדציטערניש. אַלץ טרייסלט זיך און ציטערט, ווי אַ בלאַט. די סענאַטאָרן און די איבעריקע ציען זיך איין פון שרעק (כלעסטאַקאָוו צעפלאַמט זיך נאָך מער) אָ, איך האָב פיינט צו שפּאַסן, איך האָב זיי אַלעמען אָנגעלערנט. די סענאַטאָרן אַליין האָבן מורא פאַר מיר. און וואָס איז דאָס? איך בין אַזאַ. איך וועל אויף גאָרנישט קוקן, איך פאָר יעדן טאָג אין הויף אַריין, מאָרגן וועט מען מיך מאַכן פאַר אַ פעלדמאַרש... (גליטש זיך אויס און פאַלט שיער נישט אַראָפּ פון שטול, די באַאַמטע האַלטן אים מיט כבוד אונטער).

**דער גאָראָדניטשי**

גייט־צו און ציטערט מיטן גאַנצן קערפּער. סטאַרעט זיך רעדן.

אַאַ, וואַ, וואַ...

כלעסטאַקאָוו

מיט אַ פּלינק קול

וואָס איז?

דער גאָראָדניטשי

וואַ, וואַ, וואַ...

כלעסטאַקאָוו

מיט דעם זעלבן קול

איך פֿאַר־טײַ גאָרנישט, נאַרישקייטן!

דער גאָראָדניטשי

וואַ, וואַ, וואַ... שע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ! אפשר פֿאַרלאַנגט זיך אַביסל אָפּצורוען, אָט דאָרט איז אייער צימער און אַלץ וואָס מען דאַרף.

כלעסטאַקאָוו

נאַרישקייטן—אָפּרוען! נו, יאָ, איך קאָן זיך אָפּרוען. דער פֿרישטיק אײַערער איז געווען זייער גוט... איך בין צופֿרידן, איך בין זייער צופֿרידן. (דעקלאַמירט) לאַבאַרדאַן, לאַבאַרדאַן. (גייט־אַרײַן אין זײַטיקן צימער. דער גאָראָדניטשי נאָך אים).

## בילד VII

## די זעלבע אָן כלעסטאַקאָוון און אָן דעם גאָראָדניטשי.

באָבטשינסקי

צו דאָבטשינסקין

אָט דאָס איז אַ מענטש, פּיאָטר איוואַנאָוויטש. אָט וואָס הייסט אַ מענטש! איך בין אין מײַן לעבן נאָך נישט געווען אין אַ גע־זעלשאַפֿט מיט אַזאַ וויכטיקע פּערזאָן. איך בין שיער נישט פֿון שרעק געשטאָרבן. ווי טראַכט איר, פּיאָטר איוואַנאָוויטש, וואָס פֿאַר אַ ראַנג האָט ער?

דאָבטשינסקי

איך טראַכט, אַז ער איז כמעט אַ גענעראַל.

באַבטשינסקי

און איך טראַכט, אַז אַ גענעראַל וועט צו זיין פּאַדעשווע נישט דערגרייכן. און אויב שוין אַ גענעראַל, איז דאָס אַ גענעראַליזמוס. איר האָט געהערט, ווי ער האָט צוגעקוועטשט די סענאַטאָרן? קומט, מיר וועלן לויפן דערציילן אַלץ אַמאָס פּיאָדראָוויטשן און קאָראָבקינען. אַדיע, אַנאַ אַנדרעעוונאַ!

דאָבטשינסקי

זייט געזונט, מחותנתטע (ביידע גייען אַוועק).

אַרטעמי פיליפּאָוויטש

צו לוקאַ לוקיטשן

ער איז שרעקלעך. און מיר זענען אַפילו נישט אין די מונדירן. און וואָס וועט זיין, אַז ער וועט זיך אויסשלאָפן און קיין פּעטערבורג וועט אַוועק אַ באַריכט? (גייט אַוועק אַ פאַרקלערטער צוזאַמען מיטן שול-אויפזעער). זייט געזונט, אַנאַ אַנדרעעוונאַ.

## בילד VIII

### אַנאַ אַנדרעעוונא און מאַריא אַנטאָנאָוונאַ.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

אַך, סאַר אַן אָנגענעמער!

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

סאַר אַ וווילינקער!

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

סאַר אַן איידל באַנעמען זיך. מען קאָן גלייך דערקענען אַ גרויסשטעטיש אַנטיקל. די אויפנאַמעס און נאָך אַזעלכעס. אַך, ווי גוט! איך האָב געוואַלטיק ליב אַזעלכע יונגעלייט, איך בין אָן זינען פון זיי. איך בין אים פון דעסטוועגן זייער געפעלן געוואָרן, איך האָב עס באַמערקט, ער האָט זיך צו מיר צוגעקוקט.

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

אַך, מאַמענקע, ער האָט אויף מיר געקוקט.

אַנאַ אַנדרעעווגאַ

זיי אַזוי גוט! מיט דיינע נאַרישקייטן אַביסעלע ווייטער! עס איז נישט אויפן אָרט.

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

ניין, מאַמענקע, אויף אַן אמת.

אַנאַ אַנדרעעווגאַ

זי מוז זיך קריגן... ווען האָט ער געקוקט אויף דיר און צו וואָס זאָל ער קוקן אויף דיר?

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

אויף אַן אמת, מאַמענקע, ער האָט לאַנג געקוקט, און ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן ליטעראַטור, האָט ער דערלאַנגט אַ קוק אויף מיר און דערנאָך, ווען ער האָט דערציילט, ווי ער האָט געשפילט אין וויסט מיט די געזאַנדטע, האָט ער אויך דערלאַנגט אַ קוק אויף מיר.

אַנאַ אַנדרעעווגאַ

נו, אפשר איינמאָל, קאָן זיין, גלאַט אַזוי זיך האָט ער אַ קוק גע-טאָן אויף דיר. „אָט וועל איך אַ קוק-טאָן אויף איר‟, גלאַט אַזוי.

# בילד IX

## די זעלבע און דער גאָראָדניטשי.

דער גאָראָדניטשי

קומט-אַריין אויף די שפּיץ-פינגער

שש... שש...

אַנאַ אַנדרעעווגאַ

וואָס?

דער גאָראָדניטשי

איך בין גאָרנישט צופרידן, וואָס איך האָב איס אָנגעטרונקען. אויב אַפילו איין העלפט איז אמת פון דעם, וואָס ער האָט דער-ציילט? (פאַרטראַכט זיך) און ווי זאָל דאָס נישט זיין קיין אמת?

אַ ביסל אָן אָנגעשיכורטער מענטש רעדט אַלץ אַרויס: וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג. אַביסל האָט ער ליגן געזאָגט, פאַרשטייט זיך. אָן ליגן רעדט זיך נישט. מיט מיניסטאָרן שפּילט ער אין קאָרטן! פאָרט אין הויף אַריין! אָט וואָס... וואָס מער דו טראַכסט, אַלץ מער שווינדלט אין קאָפּ, פּונקט, ווי דו וואָלסט שטיין אויף אַ גלאָקן-טורעם, אָדער מען וויל דיך אויפהענגען.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

און איך האָב גאָר קיין שרעק נישט געפילט. איך האָב נאָר געזען אין אים אַ געבילדעטן מענטשן פון העכערן טאָן. און וועגן זיינע ראַנגען—טראַכט איך גאָרנישט.

דער גאָראָדניטשי

נו, איר דאָרט—ווייבער! איין וואָרט איז אייך גענוג. דו האָסט זיך מיט אים געהאַלטן, ווי מיט אַ דאָבטשינסקין.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

וועגן דעם זאָל אייך שוין נישט קימערן. מיר ווייסן שוין עפּעס...

(קוקט אויף דער טאָכטער).

דער גאָראָדניטשי

אַליין

נישטאָ מיט אייך, וואָס צו רעדן. אַזאַ צופאַל! איך קאָן זיך נאָך נישט אָפּטרייסלען פון שרעק (עפנט די טיר און רעדט אין טיר): מישקאַ! רוף די פּאָליציאַנטן סוויסטונאָוון און דערזשימאָרדן, זיי דאַרפן דאָ זיין נישט ווייט אונטערן טויער (נאָך אַ קורצן שווייגן). מאָדנע איז דאָס היינט אויף דער וועלט! וואָלט כאָטש געווען אויף וואָס אַ קוק צו טון. אָבער אַזאַ קליינטשקער, אַ דאַרינקער און ווען דו דערגייסט, ווער ער איז! אַ מיליטער-מאַן האָט נאָך אַ פּנים, אָבער ווי דאָס טוט אָן אַ פּרעקל, זעט עס אויס, ווי אַ פליג מיט אונטערגעשוירענע פליגל. ער האָט זיך לאַנג געשטייפט דאָרטן אין טראַקטיר, ער האָט פאַרדרעדט די ציין מיט דאָס און מיט יענץ, עס האָט אויסגעדאַכט, אַז מען וועט שוין קיין טאָלק נישט דערגיין, אָבער צום סוף האָט ער זיך אונטערגעגעבן. האָט נאָך איצט אָנגערעדט מער, וויפל מען דאַרף, מען זעט גלייך: אַ יונגער שניעק.

# בילד X

## די זעלבע און אָסיפּ.

אַלע לויפן אים אַנטקעגן און ווינקען צו אים מיט די פינגער.

**אַנאַ אַנדרעעוונאַ**

קום נאָר אַהער, טייערינקער!

**דער גאָראָדניטשי**

שש... נו, וואָס? ער שלאָפט?

**אָסיפּ**

ניין, נאָך נישט, ער ציט זיך אויס אַביסל...

**אַנאַ אַנדרעעוונאַ**

הער זיך איין! ווי רופט מען דיך.

**אָסיפּ**

אָסיפּ.

**דער גאָראָדניטשי**

צו דער פרוי און צו דער טאָכטער

גענוג, גענוג אייך שוין! (צו אָסיפן) נו, ברודערקע, מען האָט דיר געגעבן גוט אָפּצועסן?

**אָסיפּ**

אָפּגעגעסן, איך דאַנק אייך זייער, גאָר גוט אָפּגעגעסן.

**אַנאַ אַנדרעעוונאַ**

זאָג-זשע נאָר, צו דיין פּריץ קומען אַ סך גראַפן און פירשטן?

**אָסיפּ**

אָן דער זייט

נישטאָ וואָס צו זינדיקן, אַז מען האָט איצט געגעבן, וועט מען אַ צווייט מאָל נאָך מער געבן צו עסן (אויפן קול). יאָ, עס קומען גראַפן און פירשטן.

**מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ**

נשמהלע דו, אָסיפּ, דיין פּריץ איז אַ גוטער?

**אַנאַ אַנדרעעוונאַ**

זאָג, אָסיפּ, וואָס פאַר אַ מענטש איז ער?

ד ע ר  ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י

אָבער הערט שוין אויף, איך בעט אייך, איר שטערט מיר בלויז מיט אייערע פוסטע רייד.

אַ נ אַ  אַ נ ד ר ע ע װ ו נ אַ

און װעלכן ראַנג האָט דיין פּריץ?

אָ ס י ף

אַ געװיינלעכן ראַנג.

ד ע ר  ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י

אָבער גאָט מיינער, איר קומט נאָך אַלץ מיט אייערע נאַרישע פראַגן! איר לאָזט אַ װאָרט צו דער זאַך נישט רעדן! זאָג נאָר, פריינט! װי איז דיין פּריץ? אַ שטרענגער? ער האָט ליב צו באַשטראָפן? האַ!

אָ ס י ף

יאָ, אָרדנונג האָט ער ליב. ער האָט ליב, אַז אַלץ זאָל זיין אויף אַן אָרט.

ד ע ר  ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י

און מיר געפעלט זייער דיין פּנים, דו מוזט זיין אַ גוטער מענטש...

אַ נ אַ  אַ נ ד ר ע ע װ ו נ אַ

זאָג מיר, אָסיף, דאָרטן טראָגט דיין פּריץ אַ מונדיר?

ד ע ר  ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י

גענוג דאָך שוין צו פּלאַפּלען, דאָ רעדט זיך װעגן װיכטיקע זאַכן, דאָ גייט װעגן אַ מענטשנס לעבן (צו אָסיפן). דו געפעלסט מיר אויף אַן אמת, אין װעג שאַדט נישט אַ גלעזעלע טיי צו טרינקען, אָבער די טיי איז איצט קאַלט, טאַ נעם דערפאַר צװיי קערבלעך אויף טיי.

אָ ס י ף

נעמט־צו דאָס געלט

איך דאַנק אייך זייער, װאַשע װיסאָקאָבלאַגאָראָדיע! זאָל גאָט אייך געבן געזונט דערפאַר, געהאָלפן אַן אָרעמען מענטשן.

ד ע ר  ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י

גוט, גוט, איך בין אַליין צופרידן פון דעם.

אַ נ אַ  אַ נ ד ר ע ע װ ו נ אַ

הער זיך איין, אָסיף, װעלכע אויגן געפעלן דיין פּריץ בעסער?

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

באַ דיין פריץ איז אַזאַ פיין נעזועלע.

דער גאָראָדניטשי

אָבער לאָזט שוין, לאָזט מיך... (צו אָסיפן) איצטער זאָג מיר, וואָס האָט דיין פריץ ליב, וואָס געפעלט אים מער אין וועג?

אָסיפ

ער האָט ליב... ווי אַמאָל, מער פאַר אַלץ האָט ער ליב, מען זאָל אים גוט אויפנעמען, מען זאָל גוט געבן אָנצועסן.

דער גאָראָדניטשי

גוט אָנצועסן?

אָסיפ

יאָ, גוט... אַפילו אויף מיר, אויף אַזאַ קנעכט, גיט ער אַכטונג, אַז אויך מיר זאָל זיין גוט. עס פּאַסירט, מען פאָרט ערגעץ אַריין, פרעגט ער מיך דערנאָך: „אָסיפ, מען האָט געגעבן גוט אָנצועסן?" „שלעכט"!—ענטפער איך. „הע", זאָגט ער, „דאָס איז אַ שלעכטער מענטש. דערמאָן נאָר, ווען איך וועל קומען צו פאָרן". „נו, דאָרטן",—טראַכט איך זיך... (גיט אַ מאַך מיט דער האַנט) זאָל אים גאָט נישט שטראָפן, איך, איך בין אַ פּראָסטער מענטש.

דער גאָראָדניטשי

גוט, גוט, דו רעדסט צו דער זאַך. איך האָב דיר געגעבן אויף „טיי". איצט נאַדיר, דערלייג אויף קיכעלעך.

אָסיפ

פאַרוואָס קומט עס מיר אַלץ, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע! (באַהאַלט דאָס געלט) איך וועל שוין מאַכן אַ שנאַפּס פאַר אייער געזונט.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

קום, אָסיפ, צו מיר, וועסטו אויך באַקומען.

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

אָסיפ, טייערער, גיב אַ קוש דיין פריץ (פון צוויי זייטן צימער הערט זיך כלעסטאַקאָווס אַ לייכטער הוסט).

דער גאָראָדניטשי

שש... (הייבט זיך אויף די שפּיץ פינגער, רעדט מיט אַ האַלב קול) טומל נישט, זאָל אייך גאָט אויסהיטן, גייט שוין, גענוג שוין...

אַנאַ אַדנרעוונאַ

קום, מאַשענקע! איך וועל דיר עפּעס אויסזאָגן, וואָס איך האָב באַמערקט באַם גאַסט, בלויז מיר ביידע מעגן עס וויסן.

דער גאָראָדניטשי

איר וועט זיך דאָרטן צערעדן, מען זאָל דאָס אונטערהערן, וועט מען די אויערן דאַרפן פאַרשטאָפּן. (ווענדט זיך צו אָסיפּן) נו, פריינט...

# בילד XI

## די זעלבע, דערזשימאָרדאַ און סוויסטונאָוו.

דער גאָראָדניטשי

שש... ווי די בערן קלאַפּן זיי מיט די שטיוול, פאַלט אַריין אַזוי ווי מען וואַרפט אַראָפּ פערציק פּוד פון וואָגן. ווו האָט איך דאָ דער טייוול געשלעפּט?

דערזשימאָרדאַ

לויט אייער באַפעל...

דער גאָראָדניטשי

שש... (פאַרמאַכט אים ס'מויל) אַ קראַקע געטאָן, ווי אַ קראָ! מאַכט אים נאָך: „לויט אייער באַפעל"! ווי פון אַ פאַס שרייט עס! (צו אָסיפּן) דו, פריינט, גיי און גרייט־צו, וואָס מען באַדאַרף פאַרן בריק, פאַרלאַנג אַלץ, וואָס אין שטוב איז נאָר פאַראַן (אָסיפּ גייט צוועק). און איר זאָלט מיר שטיין אויפן באַלקאָן און נישט פון אָרט. קיינעם פון זייטיקע מענטשן נישט אַריינלאָזן, איבערהויפּט די סוחרים! אויב איר וועט נאָר איינעם פון זיי אַריינלאָזן... טאָ... ווי איר וועט נאָר דערזען, אַז עמיצער גייט מיט אַ בקשה און אַפילו אָן אַ בקשה, נאָר אַזעלכע, וואָס איז נאָר ענלעך צו אַ מענטשן, וועלכער וויל זיך באַקלאָגן, טאָ נעמט אים גלייך פאַרן קאַרק און שליידערט אים צוריק... אָט אַזוי... איר הערט?! (ווייזט מיטן פוס) שש... (גייט־אַוועק אויף די שפּיץ־פינגער, גלייך נאָך אים די פּאָליציאַנטן).

# פערטער אַקט.

דאָס זעלבע צימער באַם גאָראָדניטשי.

## בילד 1

באַמעלעך, כּמעט אויף די שפּיץ־פינגער, קומען אריין: אַמאָס פיאָדאָראָוויטש, אַרטעמי פילִיפּאָוויטש, דער פּאָסטמייסטער, לוקאַ לוקיטש, דאָבטשינסקי און באָבטשינסקי אויס־געפּוצט אין מונדירן. די גאַנצע סצענע קומט־פאָר אין אַ האַלבן קול.

**אַמאָס פיאָדאָראָוויטש**

שטעלט אַלעמען אויס אין אַ האַלבן קרייז

איך בעט אייך, מיינע הערן, האָט רחמנות, שטעלט זיך גיכער אויס אין קרייז און וואָס מער אָרדנונג! איין גאָט ווייס אים דאָרט; אין הויף אַריין פאָרט ער און די סענאַטאָרן האַלט ער אין די הענט. שטעלט זיך אויס לויטן מיליטערישן שטייגער! איר, פּיאָטר איוואַנאָוויטש, לויפט-אַריין אין יענער זייט, און איר, פּיאָטר איוואַנאָוויטש, שטעלט זיך פון דער זייט (ביידע פּיאָטר איוואַנאָוויטשעס לויפן אויף די שפּיץ־פינגער).

**אַרטעמי פילִיפּאָוויטש**

ווי אייך ווילט זיך, אַמאָס פיאָדאָראָוויטש, מיר מוזן עפּעס טאָן!

**אַמאָס פיאָדאָראָוויטש**

אָבער וואָס, למשל?

**אַרטעמי פילִיפּאָוויטש**

איר ווייסט שוין וואָס.

**אַמאָס פיאָדאָראָוויטש**

דערלאַנגען עפּעס אין יד אַריין?

אַרטעמי פיליפּאָוויטש

נו, יאָ, ווען אַזוי אַפילו...

אַמאָס פּיאָדאָראָוויטש

צום טייוול, דאָס איז געפערלעך, ער וועט זיך פונאַנדערשרייען, אַ מלוכה-מאַן. אפשר אים צוטראָגן אַלס אַ נדבה פון די דוואָריאַ-נעס אויף אַ וועלכן עס איז דענקמאָל?

דער פּאָסטמייסטער

אָדער אַזוי: „אויף דער פּאָסט איז אָנגעקומען געלט און מען ווייס נישט צו וועמען עס געהער".

אַרטעמי פיליפּאָוויטש

זעט אָבער, ער זאָל אייך מיט דער פּאָסט ערגעץ ווייט נישט אָוועקשיקן. איר פּאַרשטייט? אַזעלכע זאַכן ווערן אַזוי נישט גע-מאַכט אין אַ גוט איינגעאָרדנטער מלוכה. צו וואָס זענען מיר דאָ אַ גאַנצער עסקאַדראָן? פּאָרשטעלן באַדאַרף מען זיך איינציקווייז, אונטער פיר אויגן... אָט אַזוי, אַז אויערן זאָלן נישט הערן, אָט אַזוי ווערט עס געמאַכט אין אַן אָרנטלעכער געזעלשאַפט. אַמאָס פּיאָדאָראָוויטש, איר הייבט-אָן דער ערשטער.

אַמאָס פּיאָדאָראָוויטש

אפשר איז שוין בעסער, אַז איר זאָלט אָנהייבן? בּאַ אייך האָט דאָך דער הויכער גאַסט צוגעבּיסן.

אַרטעמי פיליפּאָוויטש

אפשר לוקאַ לוקיטש, ווי אַן ערציער פון יונגן דור?

לוקאַ לוקיטש

איך קאָן נישט, מיינע הערן! איך בין מיך מודה, איך בין שוין אַזוי דערצויגן געוואָרן, אַז בעת עס רעדט מיט מיר איינער מיט אַ ראַנג העכער, פאַרליר איך די נשמה און דאָס לשון. ניין, מיי-נע הערן, באַפרייט מיך פון דעם, האָט רחמנות, באַפרייט!

אַרטעמי פיליפּאָוויטש

אָט אַזוי בלייבט עס, אַמאָס פּיאָדאָראָוויטש, קיין אַנדערער איז נישטאָ אויסער אייך, איר קענט דאָך רעדן, ווי ציצעראָן אַליין.

אַמאָס פּיאָדאָראָוויטש

וואָס רעדט איר? וואָס רעדט איר? גאָר ציצעראָן! איר האָט עס

אויסגעטראַכט, עס טרעפט אַמאָל, ווען איך צערער זיך וועגן אַ יאַגד-הונט.

**אַלע**

שטייען-צו צו אים

ניין, נישט נאָר וועגן הינט, איר רעדט אויך וועגן וועלט-אײַבערקערעניש. ניין, אַמאָס פּיאָדאָראָוויטש! פּאַרלאָזט אונדז נישט, זייט פאַר אונדז אַ פאָטער, אַמאָס פּיאָדאָראָוויטש!

**אַמאָס פּיאָדאָראָוויטש**

אָבער לאָזט מיך צורו, מײַנע הערן! (אין דער רגע דערהערן זיך טריט און אַ הוסט אין כלעסטאַקאָווס צימער. אַלע אײַלן זיך צו דער טיר גיכער, שטויסן זיך און באַמיען זיך אַרויסצוגיין. עס הערן זיך אויסרופן. מיט אַ האַלב קול).

**באָבטשינסקיס קול**

אוי, פּיאָטר איוואַנאָוויטש, פּיאָטר איוואַנאָוויטש, איר האָט מיר אויף דעם פוס אַרויפגעטרעטן.

**זעמליאַניקעס קול**

לאָזט מיך כאָטש זיך מתוודה-זײַן, איר דערשטיקט דאָך מיך. (עס הערן זיך נאָך עטלעכע אויסגעשרייען: „אַי, אוי!“ צום סוף קריכן זיי אַלע אַרויס. דאָס צימער בלײַבט ליידיק).

# בילד II

**כלעסטאַקאָוו**

(אַליין קומט אַרײַן מיט פאַרשלאָפענע אויגן)

ווייזט אויס, איך האָב אַ גוטן שלאָף געטאָן. פון וואַנעט האָבן זיי עס אַזעלכע מאַטראַצן און פּערענעס? איך האָב אַפילו געשוויצט. באַם פרישטיק האָבן זיי מיר, ווייזט אויס, עפּעס אונטערגערוקט, אין קאָפּ זיצט נאָך ביז איצט. דאָ קאָן מען, ווי איך זע, גאַנץ פיין פאַרברענגען. איך האָב ליב גאַסטפריינטלעכקייט און נאָך מער האָב איך ליב, אַז דאָס קומט פון ריינעם האַרצן, און נישט פון אויסרעכענונג. און דעם גאָראָדניטשיס טעכטערל איז גאָרנישט שלעכט, אויך די מאַמעשי איז אַזעלכע, מיט וואָס מען קאָן נאָך... יאָ, אַזאַ לעבן געפעלט מיר.

# בילד III

## כלעסטאַקאָוו און דער ריכטער.

ד ע ר   ר י כ ט ע ר

קומט אַריין, שטעלט זיך אָפּ און רעדט צו זיך אַליין

גאָט מיינער, טראָג מיך אַרויס אַ גאַנצן פון דאַנעט, די קני ברעכן זיך אונטער. (אויפן קול: ציט זיך אויס און האַלט צו מיט דער האַנט די שפּאַגע). איך האָב דעם כּבוד זיך פאָרצושטעלן: ריכטער פון היגן קרייז-געריכט, קאָלעזסקי אָסעסאָר ליאַפּקין-טיאַפּקין.

כ ל ע ס ט אַ ק אָ ו ו

זעצט אייך! זייט איר עס דער היגער ריכטער?

ד ע ר   ר י כ ט ע ר

פון 816 בין איך אויסגעקליבן אויף דריי יאָר, לויט דעם ווילן פון די ד ו אָ ר י אַ נ ע ס און איך פאַרנעם מיין אמט ביזן היינטיקן טאָג.

כ ל ע ס ט אַ ק אָ ו ו

עס לוינט צו זיין אַ ריכטער, האַ?

ד ע ר   ר י כ ט ע ר

פאַר דריי מאָל צו דריי יאָר, האָב איך באַקומען אַ וולאַדימיר פון דער פערטער מדרגה און אַ גוטע באַשטעטיקונג פון דער נאַטשאַלסטוואָ. (אָן דער זייט) דאָס געלט איז באַ מיר אין האַנט און די האַנט ברענט, ווי פייער.

כ ל ע ס ט אַ ק אָ ו ו

מיר געפעלט אַ „וולאַדימיר". אַ „אַנאַ" פון דער דריטער קאַטעגאָריע איז שוין נישט אַזוי...

ד ע ר   ר י כ ט ע ר

רוקט-אַרויס פאָרויס די צענויפגעפרעסטע האַנט. אָן דער זייט

גאָט מיינער, איך ווייס נישט, וווּ איך בין דאָ, ווי איך וואָלט זיצן אויף הייסע קוילן.

כ ל ע ס ט אַ ק אָ ו ו

וואָס האַלט איר אין האַנט?

אַמאָס פּיאָדאָראָוויטש

פאַרלירט זיך און לאָזט אַראָפּ אויף דרערד די אַסיגנאַציעס

גאָרנישט-נישט.

בלעסטאַקאָוו

וואָס הייסט גאָרנישט? איך זע דאָך, געלט איז אַראָפּגעפאַלן.

אַמאָס פּיאָדאָראָוויטש

ציטערט מיטן גאַנצן קערפּער

עס איז נישט קיין געלט. (אָן דער זייט) אָ, גאָט מיינער! איך בין שוין פאַרפאַלן, מען פירט שוין אַ וועגעלע מיך צו כאַפּן און פאַר-משפּטן.

בלעסטאַקאָוו

דאָס איז דאָך טאַקע געלט.

אַמאָס פּיאָדאָראָוויטש

אָן דער זייט

נו, אַ סוף צו אַלץ. פאַרלוירן, פאַרלוירן אויף אייביק.

בלעסטאַקאָוו

ווייסט איר וואָס? באָרגט מיר אויס דאָס געלט.

אַמאָס פּיאָדאָראָוויטש

געשווינד

פאַרוואָס נישט, פאַרוואָס נישט? מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. (אָן דער זייט) נו, דרייסטער, דרייסטער, העלף אַרויס, הייליקע מוטער!

בלעסטאַקאָוו

איר פאַרשטייט, אין וועג האָב איך אַלץ אויסגעגעבן... דאָס און יענץ... פון דאָרף וועל איך עס גלייך צושיקן.

אַמאָס פּיאָדאָראָוויטש

טוט אונדז די געפעליקייט, מיר בעטן אייך זייער, עס איז פאַר אונדז אַ כבוד. מיט מיינע שוואַכע כוחות און מיט מיין פלייסיקייט וועל איך מיך באַמיען צו געפעלן ווערן באַ נאַטשאַלסטוואָ... (הייבט זיך אויף פון שטול און לאָזט אַראָפּ די הענט) איך האָב נישט קיין דרייסטקייט אייך מער צו באַאומרויקן מיט מיין אָנוועזנהייט. האָט איר עפּעס צו באַפעלן?

כלעסטאַקאָוו

וואָס? אַ באַפעל?

אַמאָס פּיאָדאָראָוויטש

איך מיין, אפשר האָט איר עפּעס צו באַפעלן דעם היגן קרייז-געריכט?

כלעסטאַקאָוו

צו וואָס? איך האָב נישט דערצו קיין נויטווענדיקייט, ניין, באַדאַרף נישט, איך דאַנק אייך זייער.

אַמאָס פּיאָדאָראָוויטש

בייגט-זיך און גייט-אַוועק

הוראַ! די שטאָט איז שוין אונדזערע.

כלעסטאַקאָוו

ווען יענער גייט אַוועק

דער ריכטער איז אַ גוטער מענטש!

## בילד IV

### כלעסטאַקאָוו און דער פּאָסטמייסטער.

קומט אַריין אין מונדיר, ציט זיך אויס, האַלט צו די שפּאַגע

דער פּאָסטמייסטער

איך האָב דעם כבוד זיך פאָרצושטעלן: דער היגער פּאָסטמייסטער, הויף-ראַט שפּעקין.

כלעסטאַקאָוו

אָ, איך בעט אייך, איך האָב זייער ליב אָנגענעמע געזעלשאַפט, זעצט אייך! איר לעבט דאָ שטענדיק?

דער פּאָסטמייסטער

גאַנץ ריכטיק.

כלעסטאַקאָוו

מיר געפעלט אייער שטעטל. פאַרשטייט זיך, עס איז נישט אַזוי

באַלעבט, אָבער דאָס איז דאָך נישט קיין הויפּט-שטאָט, נישט אמת ?—דאָס איז דאָך נישט קיין הויפּט-שטאָט ?

דער פּאָסטמייסטער

אַ פּולקומער אמת, אמת !

כלעסטאַקאָוו

און נאָר אין דער הויפּט-שטאָט איז פאַראַן באָן-טאָן און נישט קיין פּראָווינציעלע גענדז. ווי איז אייער מיינונג, נישט אַזוי ?

דער פּאָסטמייסטער

גאַנץ ריכטיק ! (אָן דער זייט) ער איז גאָרנישט שטאָלץ, וועגן אַלץ פרעגט ער.

כלעסטאַקאָוו

און פונדעסטוועגן, זאָגט דעם אמת, אויך אין אַזאַ שטעטל קאָן מען זיך לעבן גליקלעך ?

דער פּאָסטמייסטער

גאַנץ ריכטיק.

כלעסטאַקאָוו

לויט מיין מיינונג באַדאַרף מען בלויז, מען זאָל דיך אַכטן און ליבן אָפנהאַרציק—נישט אמת ?

דער פּאָסטמייסטער

איר זענט פולקום גערעכט.

כלעסטאַקאָוו

איך בין זייער צופרידן, וואָס איר זענט מיט מיר איינשטימיק. אויף מיר קאָן מען מאָדנע קוקן, נאָר איך האָב שוין אַזאַ כאַראַקטער. (קוקט אים גלייך אין די אויגן און רעדט צו זיך) אפשר בעטן באַם פּאָסטמייסטער אַן הלוואהלע ? (אויפן קול) מיט מיר האָט פּאַסירט אַן אומגעריכטער צופאַל, אין וועג האָב איך אַלץ אויסגעגעבן... צי קאָנט איר מיר נישט באָרגן אַ דריי הונדערט רובל ?

דער פּאָסטמייסטער

פאַרוואָס נישט ? איך וועל עס האַלטן פאַר אַ גרויסן כבוד. אָט האָט איר די סומע, מיטן גאַנצן האַרצן בין איך אייך גרייט צו דינען.

כלעסטאַקאָוו

איך דאנק אייך זייער. איך האָב נישט ליב אין וועג זיך אָפּצוזאָגן פון באַקוועמלעכקייטן — און צו וואָס? נישט אמת?

דער פּאָסטמייסטער

גאַנץ ריכטיק! (שטעלט זיך אויף, ציט זיך אויס און האַלט צו די שפּאַגע) איך דערוועג זיך נישט מער אייך צו באַאונרויקן מיט מיין אָנוועזנהייט. וועט נישט זיין עפּעס אַ באַמערקונג וועגן דער פּאָסט־אַנשטאַלט?

כלעסטאַקאָוו

ניין, גאָרנישט!

דער פּאָסטמייסטער (פאַרבייגט זיך און גייט אָפּ)

כלעסטאַקאָוו (רייכערט)

דער פּאָסטמייסטער ווייזט זיך מיר אויך אויס פאַר אַ גוטן מענטשן. איך האָב זייער ליב אַזעלכע מענטשן.

# בילד V.

## כלעסטאַקאָוו און לוקאַ לוקיטש.

(פאַלט אַריין, ווי ער וואָלט כמעט אַריינגעשטויסן אין טיר. עס הערט זיך אַ קול הינטער אים: וואָס האָסטו מורא?)

לוקאַ לוקיטש (ציט זיך אויס מיט שרעק און האַלט די האַנט אויף דער שפּאַגע)

איך האָב דעם כבוד זיך פאָרצושטעלן: דער שול־אויפזעער כלאָפּאָוו.

כלעסטאַקאָוו

האַ! זייט געגריסט! זעצט אייך, זעצט אייך! אפשר ווילט איר אַ ציגאַר? (דערלאַנגט אים אַ ציגאַר)

לוקאַ לוקיטש (אין זיך, אומענטשלאָסן) אָט האָסטו דיר, דאָס האָב איך שוין אַוודאי נישט ערוואַרט. נעמען צי נישט נעמען?

כלעסטאַקאָוו

נעמט, נעמט, דאָס איז אַ גאַנץ גוטער ציגאַר, פאַרשטייט זיך, נישט אַזוי ווי אין פּעטערבורג, דאָרט, פריינט, האָב איך גערייכערט צי־

גאַרען צו צוויי הונדערט פופציק רובל אַ הונדערט — כאָטש נעם און קוש זיך די הענט באָכן אויסרייכערן. אָט איז פייער, פאַררייכערט! (דערלאַנגט אים דאָס ליכט)

**לוקאַ לוקיטש** (פרוווט רייכערן און ציטערט אַלץ)

**כלעסטאַקאָוו**

ניט פון דער זייט פאַררייכערט מען.

**לוקאַ לוקיטש** (פון שרעק פאַלט אים אַראָפּ דער ציגאַר, ער דערלאַנגט אַ שפּיי און ניט אַ מאַך מיט דער האַנט, רעדט צו זיך) נעמט עס דער טייוול, דער פאַרשאָלטענער ציגאַר האָט מיך אומגליקלעך געמאַכט.

**כלעסטאַקאָוו**

ווי איך זע, זייט איר נישט קיין גרויסער ליבהאָבער פון ציגאַרן. און באַ מיר, וואָלט איך אייך זאָגן, איז דאָס מיין שוואַכקייט. אויך צו פרויען, וואָלט איך אייך זאָגן, אַז איך קאָן צו זיי נישט זיין גלייכגילטיק. און איר ווי? וואָס געפעלט אייך מער: אַ בלאָנדינקע, צי אַ ברונעטקע?

**לוקאַ לוקיטש**

(פאַרלירט זיך אין גאַנצן און ווייסט נישט, וואָס צו זאָגן).

**כלעסטאַקאָוו**

ניין, זאָגט אָפנהאַרציק, ברונעטקעס אָדער בלאָנדינקעס?

**לוקאַ לוקיטש**

איך קאָן נישט וויסן.

**כלעסטאַקאָוו**

ניין, ניין, פאַררעדט מיך נישט, מיר ווילט זיך זייער וויסן אייער געשמאַק.

**לוקאַ לוקיטש**

איך האָב די דרייסקייט אייך צו מעלדן (אָן דער זייט) איך ווייס נישט וואָס איך רעד.

**כלעסטאַקאָוו**

האַ-האַ! איר ווילט נישט זאָגן, אוודאי האָט אייך שוין עפּעס אַ ברונעטקע געכאַפּט אויף דער וועגטקע, זייט זיך מודה, געכאַפּט?

**לוקאַ לוקיטש** (שווייגט)

כלעסטאַקאָוו

האַ־האַ! איר זענט רויט געוואָרן, איר זעט, איר זעט! פאַרוואָס ווילט איר נישט רעדן?

לוקאַ לוקיטש

איך האָב זיך פאַרלוירן, וואַשע בלא... פרעוואָס... סייאַט (אן דער זייט) די פאַרשאָלטענע צונג האָט מיך פאַרראַטן.

כלעסטאַקאָוו

איר האָט זיך פאַרלוירן? אין מיינע אויגן איז פאַראַן אַזוינס, וואָס שרעקט אָפּ. קיין איין פרוי קאָן נישט אויסהאַלטן מיין בליק. אמת?

לוקאַ לוקיטש

גאַנץ ריכטיק...

כלעסטאַקאָוו

עס האָט פאַסירט מיט מיר אַ מאָדנער צופאַל. אין וועג האָב איך אַלץ אויסגעגעבן, קאָנט איר מיר נישט באָרגן אַ דריי הונדערט רובל?

לוקאַ לוקיטש (כאַפּט זיך צו דער קעשענע, רעדט צו זיך)

אָט אַן אומגליק, אויב עס איז נישט פאַראַן. פאַראַן, פאַראַן! (נעמט ארויס און דערלאַנגט די אַסיגנאַציעס, ציטערט).

כלעסטאַקאָוו

איך דאַנק אייך זייער.

לוקאַ לוקיטש

איך האָב נישט קיין דרייסטקייט אייך מער צו באַאומרויִקן מיט מיין אָנוועזנהייט.

כלעסטאַקאָוו

אַדיע!

לוקאַ לוקיטש (פליט האַסטיק ארויס און רעדט אַן אַ זייט)

נו, גאָט צו דאַנקען, צר וועט שוין אפשר אין שול נישט אַריינקוקן!

## בילד VI.

### כלעסטאַקאָוו און אַרטעמי פיליפּאָוויטש.

(קומט אַריין אויסגעצויגן, די האַנט אויף דער שפּאַגע.)

אַרטעמי פיליפּאָוויטש

איך האָב דעם כבוד זיך פאָרצושטעלן. דער פאָפּעטשיטעל איבער צדקה־הייזער, הויף־ראַט זעמליאַניקאַ.

כלעסטאַקאָוו

איך בעט אייך זעצן.

אַרטעמי פיליפּאָוויטש

איך האָב שוין געהאַט דעם כבוד אייך צו באַגלייטן און אייך אויפצונעמען אין די צדקה־חברות, וועלכע זענען מיר אָנפאַרטרויט.

כלעסטאַקאָוו

האַ, האַ! איך געדענק. איר האָט געגעבן אַ גאַנץ גוטן פרישטיק.

אַרטעמי פיליפּאָוויטש

איך בין גליקלעך צו דינען דאָס פאָטערלאַנד.

כלעסטאַקאָוו

איך בין זיך מודה, דאָס איז מיין שוואַכקייט, איך האָב ליב גוט צו עסן. זאָגט מיר, זייט אַזוי גוט, מיר דאַכט זיך, אַז איר זענט נעכטן געווען אין וווקס אַביסל נידעריקער, נישט אמת?

אַרטעמי פיליפּאָוויטש

עס קאָן זייער מעגלעך זיין (שווייגט א רגע). איך קאָן אייך זאָגן, אַז איך קאַרג נישט צו אַרבעטן פלייסיק אויף מיין אַמט. (רוקט־זיך־צו נענטער מיט דער שטול און רעדט מיט א האלב קול.) אָט דער היגער פּאָסטמייסטער, טוט גאָרנישט, אַלץ איז באַ אים פאַרלאָזט: די פּאָסטפּאַקעטן פאַרהאַלטן זיך דאָ... איר קאָנט זיך עס אַליין איבערצייגן. דער ריכטער, וואָס איז דאָ געווען נאָר וואָס פאַר מיר, יאָגט זיך כסדר נאָך האָזן, אין די קאַנצעלאַריעס האַלט ער הינט און ער פירט זיך אויף... איך זאָג עס אייך דערפאַר, ווייל איך האָב ליב דאָס פאָטערלאַנד, איך מוז עס טאָן, כאָטש ער איז מיר אַ קרוב און אַ פריינט, ער פירט זיך אויף זייער נישט גוט. דאָ איז פאַראַן אַ גוטבאַזיצער, דאָבטשינסקי, וועלכן איר האָט שוין געהאַט די מעגלעכקייט צו זען; ווי נאָר דער דאָבטשינסקי גייט אַרויס פון שטוב, לויפט ער, דער ריכטער, באַלד אַריין צו יענעמס ווייב און איך

וואָלט שווערן... איר וואָלט אַ קוק טאָן אויף די קינדער, זענען זיי אַלע נישט ענלעך צו דאָבטשינסקין, נאָר אַלע, ביזן קלענסטן מיידעלע, זענען ענלעך צום ריכטער.

כ ל ע ס ט אַ ק אָ ו

וואָס איר רעדט? איך האָב וועגן דעם נישט געוווּסט.

אַ ר ט ע מ י פ י ל י פּ אָ ו י ט ש

אָט דער היגער שול־אויפזעער, איך פאַרשטיי נישט, ווי האָט עס די נאַטשאַלסטוואָ איבערגעגעבן אַזאַ איינעם אַזאַ אמט. ער איז נאָך ערגער, ווי אַ יאַקאָבינער, ער פאַרסמט די יוגנט מיט זיינע פרייע געדאַנקען. אויב איר וועט דערלויבן, וועל איך אייך דאָס אַלץ באַשרייבן אויף פּאַפּיר.

כ ל ע ס ט אַ ק אָ ו

זאָל זיין אויף פּאַפּיר. מיר וועט עס זיין זייער אָנגענעם. איך האָב ליב אַמאָל פון לאַנגווייליקייט עפּעס איבערצולייענען, עס זאָל זיך לאַכן. ווי איז אייער נאָמען? איך פאַרגעס אַלץ.

אַ ר ט ע מ י פ י ל י פּ אָ ו י ט ש

זעמליאַניקאַ.

כ ל ע ס ט אַ ק אָ ו

אַך, יאָ, זעמליאַניקאַ. און זאָגט מיר, זייט אַזוי גוט, קינדער האָט איר?

אַ ר ט ע מ י פ י ל י פּ אָ ו י ט ש

ווי דען? פינף קינדער, צוויי שוין דערוואַקסענע.

כ ל ע ס ט אַ ק אָ ו

שוין דערוואַקסענע? און ווי זענען זיי עס... ווי?

אַ ר ט ע מ י פ י ל י פּ אָ ו י ט ש

איר ווילט אפשר פרעגן, ווי מען רופט זיי?

כ ל ע ס ט אַ ק אָ ו

יאָ, ווי רופט מען זיי?

אַ ר ט ע מ י פ י ל י פּ אָ ו י ט ש

ניקאָלאַי, איוואַן, יעליזאַוועטאַ, מאַריאַ און פּערעפּעטויאַ.

כ ל ע ס ט אַ ק אָ ו

דאָס איז גוט!

אַ ר ט ע מ י  פ י ל י פּ אָ ו ו י ט ש

איך וויל אייך נישט באַאונרויקן מיט מיין אָנוועזנהייט, צונעמען צייט בײַ אייך. (פאַרבייגט זיך און וויל אַוועקגיין)

כ ל ע ס ט אַ ק אָ ו (באַגלייט אים)

ניין, עס מאַכט נישט אויס. עס איז זייער לעכערלעך דאָס, וואָס איר האָט גערעדט. קומט אַריין אַ צווייט מאָל (קערט זיך אום און עפע־נענדיק די טיר, שרייט ער) העי, איר, ווי רופט מען אייך? איך פאַרגעס אַלץ אייער נאָמען.

אַ ר ט ע מ י  פ י ל י פּ אָ ו ו י ט ש

אַרטעמי פיליפּאָוויטש.

כ ל ע ס ט אַ ק אָ ו

טוט מיר אַ געפעליקייט, אַרטעמי פיליפּאָוויטש. מיט מיר האָט פּאַסירט אַ מאָדנער צופאַל, אין וועג האָב איך אַלץ אויסגעגעבן, אפשר קאָנט איר מיר באָרגן אַ פיר הונדערט רובל.

אַ ר ט ע מ י  פ י ל י פּ אָ ו י ט ש

יאָ, איך האָב בײַ זיך געלט

כ ל ע ס ט אַ ק אָ ו

אַך, ווי גוט, איך דאַנק אייך זייער.

## בילד VII.

### כלעסטאַקאָוו, באָבטשינסקי און דאָבטשינסקי.

ב אָ ב ט ש י נ ס ק י

איך האָב דעם כּבוד זיך פאָרצושטעלן. אַ היגער איינוווינער, פּיאָטר איוואַנאָוויטש באָבטשינסקי

ד אָ ב ט ש י נ ס ק י

אַ גוט באַזיצער, פּיאָטר איוואַנאָוויטש דאָבטשינסקי.

כ ל ע ס ט אַ ק אָ ו

איך האָב אייך שוין ערגעץ געזען. איר זענט, דאַכט זיך, דעמאָלט אומגעפאַלן. נו, וואָס מאַכט אייער נאָז?

באַבטשינסקי

גאָט צו דאַנקען, באַאונרויקט זיך נישט, עס פאַרהיילט זיך, עס פאַרטריקנט זיך.

כלעסטאַקאָוו

גאַנץ גוט וואָס עס פאַרטריקנט זיך. איך בין צופרידן. (פלוצלונג מיט האסטיקייט). געלט האָט איר עפּעס?

דאָבטשינסקי

געלט? וואָס פאַראַ געלט?

כלעסטאַקאָוו

באָרגט מיר אַ טויזנט רובל.

באָבטשינסקי

אַזאַ סומע האָב איך נישט, אפשר האָט איר, פּיאָטר איוואַנאָוויטש?

דאָבטשינסקי

באַ זיך האָב איך נישט, ווייל מיין געלט ליגט אַוועקגעלייגט.

כלעסטאַקאָוו

נו, אויב נישט טויזנט, איז אַ הונדערט רובל?

באָבטשינסקי (זוכט אין די קעשענעס)

פּיאָטר איוואַנאָוויטש, איר האָט נישט אַ הונדערט רובל? איך האָב בלויז אַ פערציק רובל אַסיגנאַציעס

דאָבטשינסקי (קוקט אין טייסטער)

אינגאַנצן פינף און צוואָנציק רובל.

באָבטשינסקי

זוכט אַביסל בעסער, פּיאָטר איוואַנאָוויטש. איך ווייס, אַז באַ אייך דאָרטן אין קעשענע, פון דער רעכטער זייט, איז פאַראַן אַ לאָך, אפשר איז דאָרט עפּעס אַריינגעפאַלן?

דאָבטשינסקי

ניין, אויף אַן אמת, אין לאָך איז אויך גאָרנישט פאַראַן.

כלעסטאַקאָוו

אַלץ איינס, זאָל זיין די פינף און זעכציק רובל (נעמט צו דאָס געלט)

דאָבטשינסקי

איך האָלט אייך וועלן בעטן וועגן זייער אַן איידלער אָנגעלעגנהייט.

כלעסטאַקאָוו

וואָס אַזוינס?

דאָבטשינסקי

די זאַך איז זייער אַן איידעלע. מיין עלטערער זון, פאַרשטייט איר מיך, איז בײַ מיר געבוירן געוואָרן נאָך פאַר דער חתונה.

כלעסטאַקאָוו

נו?

דאָבטשינסקי

דאָס רעדט זיך נאָר אַזוי, ער איז בײַ מיר געבוירן געוואָרן אַזוי, ווי נאָך דער חתונה און אַלץ האָב איך געזעצלעך באַשטעטיקט, נאָר איך וואָלט וועלן, ער זאָל זיך אָנרופן, ווי איך: דאָבטשינסקי.

כלעסטאַקאָוו

גוט, זאָל ער זיך אָנרופן אַזוי, מען קאָן עס.

דאָבטשינסקי

איך וואָלט אייך מיט דעם נישט באַאומרויקט, נאָר אַ שאָד זיינע פעיקייטן, דאָס: יינגל גיט גרויסע האָפנונגען. ער קאָן אויף אויסנווייניק אַ סך געדיכטן און פאַלט אים אין האַנט אַריין אַ מעסערל, שניידט ער באַלד אויס פאַרשידענע זאַכן, אַן אמתער פאָקוסניק. פיאָטר איוואַנאָוויטש קאָן דאָס באַשטעטיקן.

באָבטשינסקי

יאָ, דאָס יינגל האָט גרויסע פעיקייטן.

כלעסטאַקאָוו

גוט, גוט, איך וועל וועגן דעם זאָרגן, איך וועל רעדן... איך האָב האָפנונג, אַז אַלץ וועט זיין אין אָרדנונג. (ווענדט זיך צו באָבטשינסקין) אפשר האָט איר עפּעס צו זאָגן?

באָבטשינסקי

איך האָב אויך צו אייך אַ בקשה.

כלעסטאַקאָוו

וועגן וואָס?

באָבטשינסקי

איך וואָלט אייך זייער אונטערטעניק בעטן ,אַז ווען איר וועט פאָרן

קיין פּעטערבורג, זאָלט איר דאָרט בײַ אַלע גרויסע מענטשן, בײַ די סענאַטאָרן און אַדמיראַלן איבערגעבן, אַז אין אַזאַ און אַזאַ שטאָט לעבט פּיאָטר איוואַנאָוויטש באָבטשינסקי, אָט אַזוי זאָלט איר טאַקע זאָגן: דאָרט לעבט פּיאָטר איוואַנאָוויטש באָבטשינסקי.

**כלעסטאַקאָוו**

זייער גוט.

**באָבטשינסקי**

און אויב איר וועט זיין בײַם קייסער, זאָלט איר אויך דעם קייסער זאָגן: אין אַזאַ און אַזאַ שטאָט לעבט פּיאָטר איוואַנאָוויטש באָבטשינסקי.

**כלעסטאַקאָוו**

זייער גוט.

**דאָבטשינסקי**

אַנטשולדיקט, וואָס מיר האָבן בײַ אייך אַזוי פיל צייט צוגענומען.

**באָבטשינסקי**

אַנטשולדיקט, וואָס מיר האָבן בײַ אייך אַזוי פיל צייט צוגענומען.

**כלעסטאַקאָוו**

עס מאַכט נישט אויס, מיר איז זייער אָנגענעם געווען. (פירט זיי ארויס)

# בילד VIII.

## כלעסטאַקאָוו (אליין)

דאָ זענען פאַראַן אַ סך באַאַמטע, מיר דאַכט זיך אָבער, אַז זיי נעמען מיך אָן פאַר אַ מלוכה־מאַן, אמת, איך האָב זיי נעכטן געמאַכט אַ שטאָלצן אָנשטעל. אַזעלכע בהמות! איך וועל וועגן דעם אַלץ אָנשרייבן צו טריאַפּיטשקינען, ער שרייבט דאָרט אַרטיקעלעך, זאָל ער זיי אַרומשינדן אַביסל. העי, אָסיפּ! דערלאַנג מיר פּאַפּיר און טינט! (אָסיפּ קוקט־ארויס פון אונטער דער טיר: „באלד"!) און צו טריאַפּיטשקינען, אַז עמיצער פאַלט אַריין צו אים אין די ציין, דעמאָלט היט זיך, דעם אייגענעם טאַטן וועט ער נישט שאַנעווען צוליב אַ ווערטל, און געלט האָט ער אויך ליב. נאָר אין אַלגעמיין זענען די דאָזי-

קע באַאמטע גאַנץ גוטע מענטשן, דאָס איז פון זייער זייט גאַנץ פיין, וואָס זיי האָבן מיר געבאָרגט געלט. אָט וועל איך איבערציילן, וויפל געלט איך האָב: דאָס איז פון ריכטער— דריי הונדערט רובל, דאָס פון פּאָסטמייסטער—דריי הונדערט ,זעקס הונדערט, זיבן הונדערט, אַכט הונדערט... סאַר אַ פאַרפעצט פּאַפּירל... אַכט הונדערט, ניין הונדערט. האָ, האָ! שוין איבער טויזנט. נו, קאַפּיטאַן, זעץ זיך נאָר איצט מיט מיר אוועק! לאָמיר זען, ווער וועמען?

## בילד IX.

### כלעסטאַקאָוו און אָסיפּ (מיט טינט און פּאַפּיר)

**כלעסטאַקאָוו**

נו, טיפוש, דו זעסט שוין, ווי מען נעמט מיך אויף און מען גיט מיר אָפּ כבוד? (נעמט שרייבן)

**אָסיפּ**

יאָ, גאָט צו דאַנקען, נאָר איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן, איוואַן אַלעקסאַנדראָוויטש?

**כלעסטאַקאָוו**

וואָס אַזוינס?

**אָסיפּ**

פאָרט אַוועק פון דאַנעט. איך שווער אייך, עס איז שוין צייט.

**כלעסטאַקאָוו**

אַ נאַרישקייט! פאַרוואָס?

**אָסיפּ**

אָט אַזוי זיך, זאָל זיין גענוג מיט זיי. איר האָט דאָ אַ לעב געטאָן אַ צוויי טעג — וועט שוין זיין גענוג! וואָס באַדאַרפט איר זיך מיט זיי אויף לאַנג פאַרבינדן. שפּייט זשע אויס אויף דעם אַלעם! זאָל די שעה קיין שעה נישט זיין: אַ צווייטער קאָן נאָך אָנפאָרן... איוואַן אַלעקסאַנדראָוויטש, דאָ זענען פאַראַן טייערע פערד, ווען מיר אַ פאָר-טאָן!

**כלעסטאַקאָוו** (שרייבט)

ניין, מיר ווילט זיך דאָ נאָך פאַרברענגען. זאָל זיין אויף מאָרגן.

אָ ס י פ

וואָס מאָרגן? לאָמיר פאָרן, איוואַן אַלעקסאַנדראָוויטש, לאָמיר אַוועק־פאָרן, מען האָט אייך געוויס אָנגענומען פאַר אַ צווייטן. און דער פאָטער אייערער וועט זיך בייזערן, וואָס איר האָט זיך אַזוי לאַנג פאַרווײַלט. לאָמיר פאָרן, פערד וועט מען אונדז געבן גוטע.

כ ל ע ס ט אַ ק אָ ו (שרייבט)

נו, גוט! אָבער פריער טראָג־אַוועק אָט דעם בריוו און זע, מען זאָל דיר געבן גוטע פערד. די פורמאַנעס זאָג, אַז איך וועל געבן צו גאַנצע רובלס. זיי זאָלן האַסטיק פאָרן און צוזינגען דערביי (שרייבט ווייטער) איך שטעל זיך מיר פאָר: טריאפּיטשקין וועט פּלאַצן פון געלעכטער.

אָ ס י פ

דעם בריוו וועל איך אַוועקשיקן מיט דעם מענטש פון דאַנעט און אַליין וועל איך פאַרפּאַקן די זאַכן. די צייט זאָל אומזיסט נישט אַוועקגיין.

כ ל ע ס ט אַ ק אָ ו (שרייבט)

גוט, ברענג אַ ליכט!

אָ ס י פ (גייט־אַרויס און רעדט אונטער דער סצענע)

העי, ברודער, הער זיך איין! וועסט אַוועקטראָגן דעם בריוו אויף דער פּאָסט און זאָג דעם פּאָסטמייסטער, ער זאָל עס צונעמען אָן געלט און זאָג אים אויך, ער זאָל גלייך שיקן צו מיין פּריץ די בעסטע „טראָיקע” פערד און קיין פור־געלט וועט מיין פּריץ נישט צאָלן, ער איז אַ קאַזשאָנער. אָבער גיכער, אַז נישט וועט מיין פּריץ ווערן אין כעס. וואַרט! דער בריוו איז נאָך נישט פאַרטיק...

כ ל ע ס ט אַ ק אָ ו (שרייבט נאָך אַלץ)

איך בין נייגעריק צו וויסן, וווּ וווינט ער איצט? אויף דער פּאָסט־גאַס, אָדער ערגעץ אַנדערש? ער האָט דאָך אויך ליב ארומצושלעפּן זיך פון איין קוואַרטיר אויף דער צווייטער און נישט באַצאָלן. איך וועל אָנשרייבן אויף דער פּאָסט־גאַס. (לייגט־צענויף דעם בריוו און שרייבט זיך אונטער)

**אָסיפ**
(ברענגט אַ ליכט, כלעסטאקאָוו פאַרקלעבט דעם בריוו, אין דערזעלבער צייט הערט זיך דערזשימאָרדעס קול:) ווהין קריכסטו, באַרד? מען זאָגט דאָך דיר, אַז מען נעמט קיינעם נישט אָן.
**כלעסטאַקאָוו** (דערלאַנגט אָסיפן דעם בריוו)
נעם און טראָג עס אָפּ.
**שטימען פון די סוחרים**
לאָזט־צו, טייערער! איר מוזט אונדז צולאָזן, מיר זענען געקומען וועגן אַ וויכטיקן ענין.
**דערזשימאָרדעס קול**
פּאַשאָל, פּאַשאָל, ער נעמט נישט אָן, ער שלאָפט. (דער טומל ווערט גרעסער.)
**כלעסטאַקאָוו**
וואָס איז דאָרטן, אָסיפּ? גיב אַ קוק, וואָס איז דאָס פאַר אַ טומל?
**אָסיפּ** (קוקט אין פענצטער)
עפּעס סוחרים דאָרט ווילן אַריין צו אייך, נאָר דער פּאָליציאַנט לאָזט זיי נישט, זיי ווייזן עפּעס פּאַפּירן, זיי ווילן אייך אוודאי זען.
**כלעסטאַקאָוו** (גייט־צו צום פענצטער)
וואָס פאַרלאַנגט איר?
**שטימען פון די סוחרים**
צו דיין גרויסמוטיקייט קומען מיר, דערלויב, און נעם־צו באַ אונדז אונדזער בקשה.
**כלעסטאַקאָוו**
לאָזט זיי אַריין! לאָזט זיי אַריין! זאָלן זיי אַריינקומען. (אָסיפּ גייס אַוועק)
**כלעסטאַקאָוו** (נעמט־צו דורכן פענצטער אָנגעשריבענע בקשות, וויקלט פונאַנדער איינס און לייענט:)
„דעם גאָספּאָדין פינאַנסאָוו פון סוחר „אַבדולין". דער טייוול ווייס, וואָס דאָס איז אַזוינס. עס איז גאָרנישט פאַראַן אַזאַ ראַנגע. „יעוואָ וויסאָקאָבלאַגאָראָדנאָוואָ סוויעטלאָסטי."

# בילד X.

## כלעסטאַקאָוו און די סוחרים

(וועלכע ברענגען קיישן וויין און צוקער-קעפּ.)

**כלעסטאַקאָוו**

נו, וואָס, ליבענקע?

**די סוחרים**

מיר קניען פאַר דיין גוטסקייט.

**כלעסטאַקאָוו**

וואָס פאַרלאַנגט איר?

**די סוחרים**

האָב רחמנות! מיר ליידן גאָר אומזיסט, אַזוי פיל באַליידיקונגען.

**כלעסטאַקאָוו**

פון וועמען?

**איינער פון די סוחרים**

אַלץ פון דעם היגן גאָראָדניטשי. אַזאַ גאָראָדניטשי איז נאָך נישט געווען. טוט אונדז אָן אַזעלכע צרות, וואָס מען קען עס גאָרנישט איבערגעבן. באַגייט זיך מיט אונדז נישט ווי מען באַדאַרף. כאַפּט-אָן פאַר דער באָרד און שרייט: „אַך, דו טאָטער". ווען מיר וואָלטן אים מיט עפּעס נישט באַפרידיקט, נאָר מיר דערפילן אַלץ, פאַרן ווייב זיינס און פאַר די טאָכטער אויף קליידער, נאָר אים איז אַלץ ווייניק. קומט ער צוגיין אין קראָם און נעמט אַלץ, וואָס אים געפעלט. דערזעט ער אַ שטיקל שטאָף — „עך, ליבענקער, דאָס איז אַ גוט שטיקל סחורה, טראָג עס אַוועק צו מיר". און מען טראָגט, כאָטש דאָס שטיקל שטאָף האַלט ביז פופציק אַרשין.

**כלעסטאַקאָוו**

וואָס איר רעדט! סאַר אַ מאַשעניק דאָס איז!

**די סוחרים**

קיינער געדענקט נישט אַזאַ גאָראָדניטשי. אַלץ וואָס ער זעט נאָר אין קראָם, נעמט ער צו. יעדן חודש האָט ער אַ נייעם געבורטס-טאָג און צו יעדן געבורטס-טאָג טראָג אים מתנות. וואָס זאָל מען

מאַכן... מען טראָגט!

כלעסטאַקאָוו

דאָס איז דאָך אַן אמתער רויבער.

די סוחרים

יאָ, יאָ, און פּרוּווּ אים נישט פאָלגן, וועט ער דיר אַ גאַנצן פאָלק אַריינברענגען אין שטוב... „שמייסן״,—זאָגט ער, — „וועל איך דיך נישט, דאָס האָט דאָס געזעץ פאַרבאָטן, נאָר איך וועל דיך אַריינזעצן אין תּפיסה און וועסט ביי מיר פאַרפוילט ווערן״.

כלעסטאַקאָוו

אַזאַ מאַשעניק, קיין סיביר באַדאַרף מען אים...

די סוחרים

ווּ דו ווילסט נעם אים צו, נאָר וואָס ווייטער פון אונדז. זאג זיך נישט אָפּ, טרייער פאָטער, פון אונדזער ברויט מיט זאַלץ, פון צוקער און וויין...

כלעסטאַקאָוו

האַ, דאָס נישט, איך נעם נישט קיין כאַבאַר, נאָר אויב איר וואָלט מיר פאָרגעלייגט אַ דרייהונדערט רובל צו באָרגן, דעמאָלט איז גאָר אַן אַנדער זאַך. באָרגן קאָן איך בּאַ אייך.

די סוחרים

נעם, פאָטער זיסער! (נעמען ארויס געלט) אָבער פאַרוואָס דריי הונדערט, נעם בעסער פינף, נעם, אַבי העלף אַרויס!

כלעסטאַקאָוו

באָרגן באַ אייך קאָן איך.

די סוחרים

(דערלאנגען אים אויף א זילבערנער טאץ געלט.) און די טאַץ קאָנט איר אויך צונעמען.

כלעסטאַקאָוו

יאָ, די טאַץ קאָן מען נעמען.

די סוחרים (פארבייגן זיך)

סאָ נעמט שוין אויך דעם צוקער.

כלעסטאַקאָוו

אָ ניין, קיין כאַבאַר נעם איך נישט.

אָסיפ

פריק, פאַרוואָס נעמט איר נישט? נעמט! אין וועג וועט אַלץ צונוץ קומען. גיט־אַהער דעם צוקער און דעם ווײַן! וואָס איז דאָרט, אַ שנירעלע, ווײַזט אויך אַהער דאָס שנירעלע! עס וועט אויך צונוץ קומען אַמאָל. עס צעברעכט זיך „עפּעס; מען באַדאַרף פאַרבינדן.

די סוחרים

טוט אונדז דיטובה, וואַשע סייאַטעלסטוואָ! אויב איר וועט אונדז נישט העלפן אין אונדזער בקשה, דעמאָלט ווייסן מיר שוין אַליין נישט, וואָס צו טאָן. כאָטש נעמען און זיך אויפהענגען.

כלעסטאַקאָוו

גאַנץ באַשטימט. איך וועל זיך שוין באַמיען. (די סוחרים גייען אוועק, מען הערט א פרוי שרייען: „דו האָסט נישט קיין רעכט, דו מוזט מיך אדיינלאָזן, איך וועל זיך קלאָגן אויף דיר בא אים, שטויס זיך נישט אזוי״).

כלעסטאַקאָוו

ווער איז דאָרט? (גייט־צו צום פענצטער) וואָס פאַרלאַנגסטו, מאַמעלע?

שטימען פון צוויי פרויען

דיין חסד, פאָטערל, דערלויב האַרעלע, הער אונדז אויס!

כלעסטאַקאָוו (אין פענצטער)

לאָזט זיי אַריין!

# בילד XI.

## כלעסטאַקאָוו, די שלאָסערין, די אונטעראָפיצירשע

שלאָסערין (בייגט זיך נידעריק)

האָט רחמנות!

די אונטער־אָפיצירשע

האָט רחמנות!

כלעסטאַקאָוו

ווער זענט איר פאַר אַ פרויען?

די אונטער־אָפיצירשע

איך בין אַ אונטער־אָפיצירשע, איוואַנאָווס ווייב...

די שלאָסערקע

איך בין די שלאָסערקע, אַ היגע איינוווינערין: פּאַווראָניא פּיעטראָווּ־נאַ פּאָשלאָפּקינאַ, מיין פּאָטער...

כלעסטאַקאָוו

וואַרט, זאָל איינע פריער רעדן, וואָס פאַרלאַנגסטו?

שלאָסערקע

איך בעט זיך דערבאַרעמען אויף מיר, אויף דעם גאָראָדניטשי באַ־קלאָג איך זיך. זאָל גאָט אים אַל־דאָס־בייז שיקן! זאָל אים, דעם מאַשעניק, זיין ווייב און קינדער, זיינע פעטערס און מומעס, זאָלן זיי קיין נחת נישט האָבן.

כלעסטאַקאָוו

פאַרוואָס?

שלאָסערקע

מיין מאַן האָט ער געהייסן אָפּגאָלן דעם קאָפּ און פאַר אַ סאָלדאַט אים צוגענומען, ער האָט נאָך גאָרנישט באַדאַרפט גיין, לויטן געזעץ, ווייל ער איז אַ באַווייבטער.

כלעסטאַקאָוו

ווי אַזוי האָט ער עס געקאָנט טאָן?

שלאָסערקע

ער האָט עס געטאָן, דער מאַשעניק, ער האָט עס געטאָן. גאָט זאָל זיך מיט אים דערפאַר אָפּרעכענען. זאָל אים... אויב ער האָט אַ מומען, זאָל דער מומען אַלע צרות געשען, אויב ער האָט אַ טאַטן, זאָל זיין טאַטע צעברעכן הענט און פיס... אַזאַ מאַשעניק! מען האָט גאָר געדאַרפט נעמען דעם שניידערס זון, דעם שיכור, אָבער זיין טאַטע האָט געגעבן אַ רייכע מתנה און צו מיר האָבן זיי געזאָגט: „צו וואָס באַדאַרפסטו אַ מאַן? ער טויג דיר דאָך שוין צו גאָרנישט!“... ער טויג, צי ער טויג נישט, דאָס איז שוין מיין זאַך... אַזאַ מאַשעניק! ווי קאָן איך זיין אָן אַ מאַן? איך בין אַ שוואַך מענטש... וואָס זאָל איך טאָן? אַזאַ מאַשעניק! זאָל זיין גאַנץ הויזגעזינט די ליכטיקע וועלט נישט אָנזען, און אויב די האָסט אַ שוויגער, זאָל אויך דער שוויגער...

כלעסטאַקאָוו (פירט ארויס די אלטע)

די שלאָסערקע

טאַטע אונדזערער, פאַרגעס אונדז נישט, האָב רחמנות!

די אונטער־אָפּיצירשע

אויף דעם גאַראַדניטשי באַקלאָג איך זיך.

כלעסטאַקאָוו

רעדט קורץ, וואָס, ווען?

די אונטער־אָפּיצירשע

מען האָט מיך אָפּגעשמיסן, טאַטע אונדזערער!

כלעסטאַקאָוו

ווי אַזוי עפּעס?

די אונטער־אָפּיצירשע

אַ טעות געווען. די באַבעס האָבן זיך אויפן מאַרק צעשלאָגן, האָט פּאָליציי מיך געכאַפּט און מען האָט אין מיר אַזוי אַריינגעשאָטן, אַז איך האָב צוויי טעג נישט געקאָנט זיצן.

כלעסטאַקאָוו

און וואָס זאָל מען איצטער מאַכן?

די אונטער־אָפּיצירשע

איצטער קאָן מען שוין גאָרנישט מאַכן, אָבער פאַרן טעות באַפעל אים צו באַצאָלן שטראָף. איך וועל זיך פון דעם, וואָס ס׳קומט, נישט אָפּזאָגן און דאָס געלט וואָלט מיר איצט זייער צונוץ געקומען.

כלעסטאַקאָוו

גוט, גוט, גייט שוין, גייט! איך וועל שוין געבן אַ פאַראָרדנונג. (אין פענצטער רוקן זיך אריין הענט מיט בקשות) נו, ווער נאָך דאָרטן? (גייט צו צום פענצטער) גענוג, גענוג שוין, איך וויל שוין נישט מער, מען דאַרף נישט, שוין דערעסן, צום טייוול! (גייט אָפּ) לאָזט נישט אַריין, אָסיפּ!

אָסיפּ (שרייט פון פענצטער)

גייט, גייט! קומט מאָרגן, נישטאָ קיין צייט. (די טיר עפנט זיך און עס קריכט־אריין א פיגור אין א שינעל, א נישט ארומגעשוירענער, מיט א געשוואָלענער ליפּ, פארבונדן די באַק. נאָך דער פיגור באַווייזן זיך נאָך) וווהין קריכט איר? פּאַשאָל! (דערלאַנגט דעם ערשטן אין בויך מיט די הענט און שפּאַרט זיך אַרויס מיט אים אין קאָרידאָר, פאַרמאַכנדיק נאָך זיך די טיר)

## בילד XII.

### כלעסטאַקאָוו און מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ.

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

אַך!

כלעסטאַקאָוו

וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן, פריילן?

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

ניין, איך האָב מיך נישט דערשראָקן.

כלעסטאַקאָוו (פּאָזירט)

מיר איז זייער אָנגענעם, פריילן, וואָס איר האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ מענטשן, וואָס... איך האָב די דרייסטקייט אייך צו פרעגן, וווהין האָט איר געוואָלט גיין?

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

איך בין אין ערגעץ נישט געגאַנגען.

כלעסטאַקאָוו

פאַר וואָס, צום ביישפּיל, זענט איר אין ערגעץ נישט געגאַנגען?

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

איך האָב געמיינט, אַז מיין מאַמענקע איז דאָ פאַראַן.

כלעסטאַקאָוו

ניין, איך האָב געוואָלט וויסן, פאַרוואָס זענט איר אין ערגעץ נישט געגאַנגען?

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

איך האָב אייך געשטערט, איר האָט זיך פאַרנומען מיט וויכטיקע ענינים?

בלעסטאַקאָוו (פּאָזירט)

אייערע אייגעלעך זענען בעסער, ווי די וויכטיקע ענינים. איר שטערט מיר גאָרנישט, פאַרקערט, איר קאָנט מיר ברענגען פאַרגעניגנס...

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

איר רעדט גרויסשטאָטיש.

כלעסטאַקאָוו

פֿאַר אַזאַ שײנע פּערזאָן, ווי איר זײַט. איך וועל זײַן גליקלעך, אויב איר וועט מיר ערלויבן אײַך פֿאָרצולײגן א שטול. אָך, נײן, פֿאַר אײַך באַדאַרף מען אַ טראָן, נישט קײן שטול.

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

איך ווײס אַלײן נישט, איך האָב באַדאַרפט גײן. (זעצט זיך)

כלעסטאַקאָוו

סאַר אַ שײן טיכל איר האָט.

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

איר לאַכט אָפּ פֿון דער פּראָווינצערין

כלעסטאַקאָוו

ווי וואָלט איך וועלן, פֿרײלין, זײַן אײַער טיכל, כדי אַרומצונעמען אײַער ליליען־העלדזעלע.

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

איך פֿאַרשטײ נישט, וועגן וואָס איר רעדט... עפּעס אַ טיכל, הײַנט איז אַזאַ מאָדנע וועטער.

כלעסטאַקאָוו

און אײַערע ליפּעלעך, פֿרײלין, זענען בעסער פֿאַר יעדן וועטער.

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

איר רעדט אַלץ אַזעלכע זאַכן... איך וואָלט אײַך בעסער געבעטן, איר זאָלט מיר אָנשרײַבן אין אַלבום עטלעכע געדיכטן צום אָנדענק, איר קענט דאָך אַ סך.

כלעסטאַקאָוו

פֿאַר אײַך, פֿרײלין, אַלץ וואָס איר ווילט, וואָס פֿאַראַ געדיכטן ווילט איר? פֿאָדערט!

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

עפּעס... נײַע, גוטע!

כלעסטאַקאָוו

איך קען אַ סך געדיכטן.

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

אָבער זאָגט מיר, וועלכע וועט איר מיר אָנשרייבן?

כלעסטאַקאָוו

צו וואָס זאָגן? איך ווייס זיי אָן דעם.

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

איך האָב עס זייער ליב.

כלעסטאַקאָוו

איך האָב אַ סך, פאַרשידענע, נו, כאָטש אַזעלכע שורות: „אָ, דו מענטש, וואָס דו באַקלאָגסט זיך שטענדיק אויף גאָט“ און אַנדערע, איך קאָן זיך איצטער נישט דערמאָנען, לאָזט עס, איך וועל אייך בעסער דערציילן פון מיין ליבע, וואָס אייער בליק... (רוקט זיך צו מיט דער שטול)

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

ליבע! איך פאַרשטיי נישט די ליבע, איך האָב קיינמאָל נישט געוווסט, וואָס ליבע... (רוקט אָפּ די שטול)

כלעסטאַקאָוו

וואָס האָט איר אָפּגערוקט די שטול? פאַר אונדז וועט בעסער זיין, ווען מיר וועלן זיצן נאָענט איינער צום צווייטן.

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ (רוקט זיך אָפּ)

פאַר וואָס פון דער נאָענטן? עס קאָן זיין פון ווייטן.

כלעסטאַקאָוו

פאַר וואָס פון דער ווייטן? עס קאָן זיין פון נאָענטן.

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ (רוקט זיך אָפּ)

אָבער צו וואָס?

כלעסטאַקאָוו (רוקט זיך צו)

עס דאַכט זיך אייך בלויז אויס, אַז דאָס איז נאָענט, טראַכט, אַז דאָס איז ווייט. ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, פריילן, ווען איך וואָלט אייך קאָנען אַרומנעמען.

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ (קוקט אין פענצטער)

וואָס איז דאָרט עפּעס דורכגעפלויגן? אַ קראָ צי אַן אַנדער פויגל?

כלעסטאַקאָוו (קושט זי אין פלייצע און קוקט אין פענצטער)

דאָס איז אַ קראָ.

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ (שפּרינגט אויף מיט צאָרן)

דאָס איז שוין אַ פרעכהייט!

כלעסטאַקאָוו (האַלט זי איין)

זייט מיר מוחל, פריילן, איך האָב עס געטון פון ליבע, פון אמתער ליבע.

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

איר רעכנט מיך פאַר אַזאַ פּראָווינצערן. (וויל אַוועקגיין)

כלעסטאַקאָוו (האַלט זי נאָך אַלץ צו)

פון ליבע, פון ליבע. איך האָב נאָר אַ שפּאַס געמאַכט. זייט נישט בייז! איך בין גרייט פאַר אייך אויף די קני זיך צו שטעלן און בעטן, איר זאָלט מיר מוחל זיין. (פאַלט אויף די קני) איר זעט, איך שטיי אויף די קני.

# בילד XIII.

## די זעלבע און אַנאַ אַנדרעעוונאַ

(דערזעט כלעסטאַקאָוון אויף די קני)

אַך, סאַר אַ פּאַסאַזש!

כלעסטאַקאָוו (שטעלט זיך אויף)

צום טייוול!

אַנאַ אַנדרעעוונאַ (צו דער טאָכטער)

וואָס באַדייט עס, פריילנשי? וואָס איז דאָס פאַר אַ געשעפטן?

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

איך, מאַמענקע...

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

גיי וואָן פון דאַנעט! האָסט געהערט? וואָן, וואָן און דערוועג זיך נישט צו ווייזן פאַר מיר. (מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ גייט אַוועק מיט טרערן) אַנטשולדיקט, איך בין אַזוי איבערראַשט...

כלעסטאַקאָוו (אָן דער זייט)

זי אַליין איז אויך אַפּעטיטלעך. גאַנץ נישקשהדיק. (פאַלט אויף די קני) מאַדאַם, ווי איר זעט מיך, איך ווער פאַרברענט פון ליבע.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

וואָס, אויף די קני? שטעלט זיך אויף, שטעלט זיך אויף! די פּאָדלאָ־ גע איז נישט זייער ריין.

כלעסטאַקאָוו

ניין, נאָר אויף די קני, נישט אַנדערש, נאָר אויף די קני. איך וויל וויסן, וואָס מיר איז באַשערט: לעבן צי טויט.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

נאָר ערלויבט מיר, איך פאַרשטיי נאָך נישט די באַדייטונג פון אייערע ווערטער. אויב איך האָב נישט קיין טעות, הייסט עס, אַז איר שדכנט זיך צו מיין טאָכטער?

כלעסטאַקאָוו

ניין, איך בין פאַרליבט אין אייך. מיין לעבן איז אויף אַ האָר. אויב איר וועט נישט אָננעמען מיין ליבע, בין איך נישט ווערט צו לעבן אויף דער ערד. מיט אַ פלאַם אין הארצן בעט איך אייער האַנט.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

דערלויבט מיר, אייך צו באַמערקן. איך בין אין אַ געוויסן הינזיכט.., איך האָב אַ מאַן.

כלעסטאַקאָוו

דאָס איז גאָרנישט. פאַר ליבע איז נישטאָ קיין אונטערשייד. קאַר־ מאַזין האָט נאָך געזאָגט: „געזעצן פאַרמשפּטן“. מיר וועלן זיך דערווייטערן אין אַ וועלדעלע. אייער האַנט, איך בעט אייער האַנט

# בילד XIV.

## דיזעלבע און מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

(לויפט פלוצלינג אריין)

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

מאַמענקע, דער פּאַפּאַ האָט געזאָגט, אַז איר זאָלט... (דערזעט כלעסטאַ־ קאָוון אויף די קני, שרייט אויס) אַך, סאַר אַ פּאַסאַזש!

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

וואָס פאַרלאַנגסטו? וואָס? ווען? וואָס ביסטו אַריינגעלאָפן, ווי אַ צעמישטע? וואָס איז דיר איינגעפאַלן? וואָס האָסטו געפונען? פונקט ווי אַ קינד אַ דריי־יאָריקס. ווער וואָלט עס גלייבן, אַז זי איז אַלט אַכצן יאָר. ווען וועסטו שוין ווערן אַ מענטש? ווען וועסטו זיך אויפהערן? ווען וועסטו שוין וויסן, וואָס דאָס איז אַזוינס זיין סאָליד...

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ (וויינענדיק)

איך האָב נישט געוווּסט, מאַמענקע...

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

באַ דיר שפּאַצירט שטענדיק אַ צוק־ווינט אין קאָפּ, דו נעמסט זיך אַראָפּ אַ משל פון טיאַפּקין־ליאַפּקינס טעכטער. וואָס קוקסטו אויף זיי? דו דאַרפסט אויף זיי נישט קוקן. דו האָסט... נעם זיך אַראָפּ אַ מוסטער פון דיין מאַמען. דאָס איז פאַר דיר נייטיק.

כלעסטאַקאָוו (כאַפּט אָן דער טאָכטער פאַר דער האַנט)

זייט נישט געגן, אַנאַ אַנדרעעוונאַ! בענשט אונדזער אייביקער ליבע.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ (פאַרוווּנדערט)

וואָס, איר מיינט גאָר זי?

כלעסטאַקאָוו

באַשליסט: לעבן אָדער שטאַרבן?

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

דו זעסט, דו זעסט, צוליב דיר איז אַזאַ וויכטיקער גאַסט געשטאַנען אויף די קני און דו ביסט אַריינגעפלויגן, ווי אַ משוגענע. איך וואָלט עס באַדאַרפט אָפּזאָגן, ביסט נישט ווערט אַזאַ גליק.

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

מער וועל איך שוין נישט, מאַמענקע, מער וועל איך שוין נישט.

## בילד XV.

### די זעלבע און דער גאָראָדניטשי (לויפט אריין)

וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ! ברענגט מיך נישט אום, מאַכט נישט אומגליקלעך.

כלעסטאַקאָוו

וואָס איז מיט אייך?

ד ע ר ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י

די סוחרים האָבן זיך באַקלאָגט פאַר אייך, וואַשע פּרעוואָסכאָדי־טעלסטוואָ! איך פאַרזיכער אייך מיט מיין ערלעכקייט, אַז קיין העלפט איז נישט אמת, וואָס זיי האָבן אָנדערציילט. זיי אַליין נאַרן אָפּ און פאַרשווינדלען דעם עולם. די אונטער־אָפיצירשע האָט אייך אַ ליגן געזאָגט. איך האָב זי נישט געשמיסן. יעי־באָגו, זי זאָגט ליגן. זי האָט זיך אַליין אָפּגעשמיסן...

כ ל ע ס ט אַ ק אָ ו

וואָס גייט מיך אָן די אונטער־אָפיצירשע?

ד ע ר ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י

גלייבט זיי נישט, גלייבט זיי נישט! דאָס זענען אַזעלכע ליגנערס.. אַ קינד וועט זיי נישט גלייבן, די גאַנצע שטאָט קען זיי פאַר ליגנערס, אַזעלכע מאַשעניקעס האָט נאָך די וועלט נישט געזען.

אַ נ אַ אַ נ ד ר ע ע ו נ אַ

ווייסטו כאָטש, סאַר אַ כבוד איוואַן אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אונדז אָנגעטאָן. ער בעט אונדזער טאָכטערס האַנט.

ד ע ר ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י:

וואָס? וווּ? ביסט משוגע געוואָרן, מאַמענקע! בייזערט זיך נישט, גנעדיקער הער! זי איז אַביסל תמעוואַטע, די מאַמע אירע איז אויך געווען אַזאַ.

כ ל ע ס ט אַ ק אָ ו

גאַנץ ריכטיק, איך בעט אייער טאָכטערס האַנט, איך בין פאַרליבט.

ד ע ר ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י

איך קאָן נישט גלייבן.

אַ נ אַ אַ נ ד ר ע ע ו נ אַ

אָבער מען זאָגט דאָך דיר!

כ ל ע ס ט אַ ק אָ ו

איך מיין אָן שפּאַס. איך קאָן נאָך פון ליבע משוגע ווערן.

ד ע ר ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י

איך האָב קיין דרייסטקייט נישט צו גלייבן, איך בין נישט ווערט אַזאַ כבוד.

**כלעסטאַקאָוו**

אויב איר זענט נישט איינשטימיק, בין איך דאַן גרייט...

**דער גאָראָדניטשי**

איך קאָן נישט גלייבן, איר מאַכט חוזק...

**אַנאַ אַנדרעעוונאַ**

אַזאַ גולם, מען זאָגט דאָך דיר...

**דער גאָראָדניטשי**

איך קאָן נישט גלייבן...

**כלעסטאַקאָוו**

גיט מיר אָפּ אייער טאָכטער. איך בין אַ פערצוויפלטער מענטש, איך וועל זיך שיסן און אייך וועט מען משפטן פאַרן געריכט.

**דער גאָראָדניטשי**

אַך, גאָט מיינער, איך בין גאָרנישט שולדיק, נישט מיט מיין נשמה' נישט מיט מיין קערפּער. זייט נישט בייז! טוט ווי איר פאַרלאַנגט. בא מיר אין קאָפּ... איך ווייס אַליין נישט, וואָס מיט מיר טוט זיך. איך בין אַ נאַר געוואָרן. עפּעס ווי נאָך קיינמאָל נישט.

**אַנאַ אַנדרעעוונאַ**

נו, בענטש זיי!

**כלעסטאַקאָוו** (גיט־צו צו מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ)

**דער גאָראָדניטשי**

זאָל אייך גאָט בענשן! און איך בין נישט שולדיק. (כלעסטאַקאָוו קושט זיך מיט מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ. דער גאָראָדניטשי קוקט אויף זיי) וואָס פאַר אַ טייוול! אין דער אמתן! (חישט אָפּ די אויגן) זיי קושן זיך. אַך, טאַטעלע, זיי קושן זיך! ווי אַ חתן. (שרייט־אויס און טאַנצט אונטער פאַר פרייד) איי, אַנטאָן! איי, אַנטאָן, איי גאָראָדניטשי! ווי די זאַך איז גוט אַוועק.

## בילד .XVI

### די זעלבע און אָסיפּ.

**אָסיפּ**

די פערד זענען גרייט.

כלעסטאַקאָוו

גוט... באַלד!

דער גאָראָדניטשי

וואָס? איר פאָרט אַוועק?

כלעסטאַקאָוו

יאָ, איך פאָר.

דער גאָראָדניטשי

און ווען וועט זיין... איר האָט דאָך אַליין געזאָגט... וועגן דער חתונה?

כלעסטאַקאָוו

אויף איין מינוטעלע פאָר איך. אויף איין טאָג וועל איך צופאָרן צו מיין פעטער — אַ רייכער מאַן. און מאָרגן קום איך צוריק.

דער גאָראָדניטשי

מיר האָבן נישט קיין רעכט אייך אויפצוהאַלטן, מיר האָבן האָפנונג, אַז איר וועט בשלום צוריק קומען

כלעסטאַקאָוו

ווי־זשע דען, ווי־זשע דען? נו, זייט געזונט, מיין ליבע. ניין, איך האָב קיין ווערטער נישט, זייט געזונט, נשמהלע (קושט איר אין האַנט).

דער גאָראָדניטשי

אפשר דאַרפט איר עפּעס אין וועג? איר האָט זיך, דאַכט זיך, געניייטיקט אין געלט...

כלעסטאַקאָוו

אָ ניין, צו וואָס? (טראַכט אַ ווײַלע) און אפשר...

דער גאָראָדניטשי

וויפל באַדאַרפט איר?

כלעסטאַקאָוו

אויב איר קאָנט מיר געבן צוויי הונדערט, ניין! נישט צוויי הונדערט פיר הונדערט, אַזוי, אַז צוזאַמען זאָל זיין אַכט הונדערט.

דער גאָראָדניטשי

גלייך! (נעמט־אַרויס פון פּאָרטפּעל) נייענקע אַסיגנאַציעס!

כלעסטאַקאָוו

יאָ, יאָ, (נעמט און באַטראַכט די אַסיגנאַציעס) דאָס איז גוט! דאָס איז דאָך, ווי מען זאָגט, אַ ניי גליק — נייע אַסיגנאַציעס.

דער גאָראָדניטשי

אַוודאי אַזוי!

כלעסטאַקאָוו

נו, זייט געזונט, אַנטאָן אַנטאָנאָוויטש! איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער גאַסט־פריינטלעכקייט. איך בין זיך מודה פון גאַנצן האַרץ, אַזאַ אויפנאַם האָב איך אין ערגעץ־נישט געהאַט. זייט געזונט, אַנאַ אַנדרעעוונאַ, זייט געזונט, מיין נשמהלע, מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ (גייט ארויס).

אונטער דער סצענע:

כלעסטאַקאָווס קול

זייט געזונט, מלאך פון מיין נשמה, מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ!

דעם גאָראָדניטשיס קול

וואָס, איר פאָרט מיט אַזאַ געוויינלעכער פור?

כלעסטאַקאָוו

איך בין שוין אַזוי געוווינט. פון רעסאָרן טוט מיר וויי דער קאָפּ.

דעם פורמאַנס קול

טפרו...

דעם גאָראָדניטשיס קול

אפשר מיט עפּעס אויסלייגן, מיט אַ קאָלדרע. אפשר פאַרלאַנגט איר, וועל איך הייסן דערלאַנגען אַ קאָלדרע.

כלעסטאַקאָווס קול

ניין, איך דאַנק אייך. נאַרישקייטן! און אפשר, מען קאָן געבן אַ קאָלדרע.

דעם גאָראָדניטשיס קול

העי, אַוודאָטיאַ, ברענג דאָרט די בעסטע קאָלדרע, גיכער..

דעם פורמאַנס קול

טפרו...

דעם גאָראָדניטשיס קול

ווען באַפעלט איר אייך אָפּצוואַרטן?

כלעסטאַקאָוום קול

מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן.

אָסיפּס קול

דאָס איז די קאָלדרע? ווייז אַהער, לייג אַוועק, אָט אַזוי, איצט דערלאַנג נאָך פון דער זייט אַביסל היי.

דעם פורמאַנס קול

טפּרו...

אָסיפּס קול

אָט פון דער זייט, אַהער, נאָך, גוט. עס וועט זיין אַ מחיה! (קלאַפּט איבער דער קאָלדרע מיט דער האַנט) וואַשע בלאַגאָראָדיע, זעצט זיך!

כלעסטאַקאָוום קול

זייט געזונט, אַנטאָן אַנטאָנאָוויטש.

פרויען־שטימען

זייט געזונט, איוואַן אַלעקסאַנדראָוויטש!

כלעסטאַקאָוום קול

זייט געזונט, מאַמענקע.

דעם פורמאַנס קול

נו, אָדלערלעך פליט. (גלעקלעך קלינגען, דער פאָרהאַנג פאַלט)

# פ י פ ט ע ר  א ק ט.

דאָס זעלבע צימער.

## ב י ל ד 1.

**דער גאָראָדניטשי, אַנאַ אַנדרעעוונאַ, מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ.**

ד ע ר  ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י

נו, אַנאַ אַנדרעעוונאַ, האַ? האָט עס דיך אַמאָל געחלומט? אַזאַ מתנה נו, זאָג אָפנהאַרציק, האָסטו דיר דאָס אַמאָל פאָרגעשטעלט, אַ גאָראָדניטשיכע מיט אַזאַ יחסן זיך פאַרבונדן.

אַ נ אַ  אַ נ ד ר ע ע ו ו נ אַ

עס איז גאָר נישט אַזוי. איך האָב עס לאַנג שוין געוווּסט. פאַר דיר איז דאָס אַ נייעס! ווייל דו ביסט אַ פּראָסטער מענטש, האָסט קיינמאָל נישט געזען קיין אָנשטענדיקע מענטשן.

ד ע ר  ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י:

איך, מאַמעלע, בין אַן אָנשטענדיקער מענטש, פונדעסטוועגן, ווען איך נעם אַ טראַכט טאַן, סאַר אַ פייגעלעך מיר זענען איצט געוואָרען! וואָס זאָגסטו, אַנאַ אַנדרעעוונאַ? מיר פליען איצט, צום טייוול! איך וועל זיך איצט אָפּרעכענען מיט אַלע, וואָס ברענגען אויף מיר מסירות. העי! ווער איז דאָרט? (אַ פּאָליציאַנט קומט אריין) האַ, דאָס ביסטו, איוואַן קאַרפּאָוויטש! רוף נאָר אריין, ברודערקע, די

סוחרים, אָט, איך וועל זיי שוין, די קאנאליעס, אָנלערנען. קלאָגן זיך אויף מיר! אזא פאַרשאָלטן פאלק! וואַרט נאָר, קינדער, פריער האָב איך אייך ביז די וואָנסעס געשפּייזט, איצטער — ביז דער באָרד. פאַרשרייב מיר אַלע, וואָס זענען זיך געגאנגען קלאָגן אויף מיר, און די שרייבערלעך, די שרייבערלעך, פריער פאר אלץ! די, וועלכע האָבן אָנגעשריבן די מסירות. און זאָג זיי אַלעמען, זאָלן זיי וויסן, סאַראַ כבוד גאָט האָט אַראָפּגעשיקט דעם גאָראָדניטשי. איך מאַך חתונה מיין טאָכטער נישט פאַר קיין פּראָסטן יונג, נאָר פאַר אַזעלכן, וואָס קאָן אַלץ טאָן, אַלץ, אַלץ, אַלץ... אַלעמען דערציייל, זאָלן זיי וויסן! שריי צום גאַנצן עולם! דערלאַנג אין די גלאָקן! צום טייוול. אויב יום־טוב זאָל זיין, אַ יום־טוב! (דער פאָליציאַנט גייט אוועק) אָט אַזוי, אַנאַ אַנדרעעוונאַ, האַ? ווו וועלן מיר איצטער לעבן? דאָ, אָדער אין פּעטערבורג?

**אַנאַ אַנדרעעוונאַ**

פאַרשטייט זיך, אַז אין פּעטערבורג.

**דער גאָראָדניטשי**

אין פּעטערבורג, זאָל זיין אין פּעטערבורג, איצט קאָן מען פּאַקן אַ העכערן ראַנג, ווייל ער חברט זיך מיט אַלע מיניסטאָרן און אין הויף אריין פאָרט ער, ער קאָן מאַכן, אַז מיט דער צייט זאָל איך ווערן אַ גענעראַל, ווי רעכנסטו, אַנאַ אַנדרעעוונאַ: מען קאָן ווערן אַ גענעראַל?

**אַנאַ אַנדרעעוונאַ**

פאַר וואָס נישט, מען קאָן.

**דער גאָראָדניטשי**

אַך!... צום טייוול, ווויל צו זיין אַ גענעראַל! מען וועט דיר אָנהענגען אַ לענטע איבערן אַקסל, וועלכע לענטע איז בעסער, אַנאַ אַנדרעעוונאַ — אַ רויטע צי אַ בלויע?

**אַנאַ אַנדרעעוונאַ:**

שוין בעסער אַ בלויע.

**דער גאָראָדניטשי**

העי? זע נאָר, וואָס איר האָט זיך פאַרוואָלט! מען קאָן זיך באַוונג-

בען מיט אַ רויטע. פאַר וואָס עפּעס ווילט זיך זיין אַ גענעראַל? ווייל עס טרעפט ווען, פאָרסט ערגעץ אַוועק, דאַן רייטן די אַדיו־טאַנטן פאָרויס און פאַרלאַנגען: „פערד!” און דאָרט, אויף די סטאַציעס ענטפערט מען קיינעם נישט. אַלץ איז אין דערוואַרטונג: די אַלע באַאַמטע, די קאַפּיטאַנען, די גאָראָדניטשיס... און דו מאַכסט דיר פון דעם גאָרנישט. מיטאָג עסטו באַם גובערנאַטאָר, און דער גאָראָדניטשי שטייט די גאַנצע צייט אויסגעצויגן... כאַ, כאַ, כאַ... (לאַכט) קאַנאַליעס! עס נעמט אָן אַ חשק!

**אַנאַ אַנדרעיעוונאַ**

דיר געפעלן אַלץ גראָבקייטן, דאַרפסט געדענקען, אַז מען דאַרף דאָס גאַנצע לעבן איבערבייטן: דיינע באַקאַנטע וועלן איצט נישט זיין מער, עפּעס אַ ריכטער מיט הינט, מיט וועלכן דו פאָרסט אויף יאַגד נאָך האָזן, אָדער אַ זעמליאַניקאַ, ניין! דיינע באַקאַנטע וועלן איצט זיין איידעלע, דערצויגענע גראַפן, פירשטן. איך האָב אַלץ מורא פאַר דיר, דו קאָנסט זיך נאָך אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט, וואָס אין אַן אָנשטענדיקער געזעלשאַפט הערט מען עס קיינמאָל נישט.

**דער גאָראָדניטשי**

וואָס שאַדט אַ וואָרט?

**אַנאַ אַנדרעיעוונאַ**

דאָס איז אַלץ גוט, ווען דו ביסט אַ גאָראָדניטשי, אָבער דאָרט איז גאָר אַן אַנדער לעבן.

**דער גאָראָדניטשי**

מען זאָגט, אַז דאָרט זענען פאַראַן צוויי פישעלעך: אַ קאַרעשל און אַ קאַרפּעלע, עס צעגייט אין מויל, ווי מען נעמט דאָס עסן.

**אַנאַ אַנדרעיעוונאַ**

אים חלומען זיך כסדר פישעלעך. איך וויל נישט אַנדערש, אַז אונדזער הויז זאָל דאָרט, אין דער הויפּט־שטאָט, זיין דאָס ערשטע, אַז באַ מיר אין צימער זאָל זיין אַ גרויסע אַמבערע, עס זאָל פאַרבלענדן די אויגן (פאַרזשמורעט די אויגן און שמעקט) אַך, ווי גוט!

## בילד II

### די זעלבע מיט די סוחרים.

**דער גאָראָדניטשי**

שלום⸗עליכם, אַדלערלעך!

**די סוחרים** (פאַרבייגן זיך)

עליכם⸗שלום, טאַטעשי!

**דער גאָראָדניטשי**

וואָס מאַכט איר, אַדלערלעך, ווי גייט אייער האַנדל? קצבים, הויט⸗שינדערס, קלאָגן זיך? אַרכי⸗שווינדלערס, בעסטיעס, ים⸗גזלנים! קלאָגן זיך? איר האָט אַסך אויפגעטאָן. וואָס האָט איר געמיינט, אין טורמע מיך אַריינברענגען? פאַרשאָלטן זאָלט איר ווערן.

**אַנאַ אַנדרעעווּנאַ:**

גאָט מיין גאָט, אַנטאָשאַ סאַר אַ ווערטער עפּעס...

**דער גאָראָדניטשי** (מיט אומצופרידנהייט)

איצט גייט דאָ נישט אין ווערטער. ווייסט איר דען, אַז דער זעלבער באַאַמטער, פאַר וועמען איר האָט אייך געקלאָגט אויף מיר, גייט חתונה האָבן מיט מיין טאָכטער? האַ! וואָס? וואָס ווועט איר איצט זאָגן? איצטער וועל איך זיך מיט אייך אָפּרעכענען. איר נאַרט אָפּ דעם עולם, מיט אייערע פּאָדריאַדן באַגנבט איר די מלוכה אויף הונדערטער טויזנטער, שטעלט⸗צו פאַרפוילטן שטאָף און דער⸗נאָך שענקט איר צוואַנציק אַרשין און איר ווילט, מען זאָל אייך נאָך דאַנקען פאַר דעם. און אומעטום רוקט עס זיך פאָרויס; ער איז אַ סוחר, ריר אים נישט אָן, מיר האָבן זיך נישט מיט וואָס צו שעמען פאַר די דוואָריאַנעס! אַך! איר, מיאוסע פּנימער, ראָזשעס! דער דוואָריאַנין לערנט וויסנשאַפטן און כאָטש מען שמייסט אים אין שול, ברענגט דאָס אָבער נוצן. און וואָס זייט איר? שווינדלער, פון קינדווייז אָן. קיין תפילה ווייסט דאָס נישט. ווען מען האָט עס דאָ נישט געזען! פאַרקויפט זעכצן סאַמאָוואַרן און האַלט זיך גרויס באַ זיך, בלאָזט פון זיך. מען שפּייט אויף דיר און אויף דיין גרוי⸗סקייט.

די סוחרים

זייט מוחל, אַנטאָן אַנטאָנאָוויטש!

דער גאָראָדניטשי

קלאָגן זיך? און ווער האָט דיר געהאָלפן שווינדלען, ווען דו האָסט געבויט אַ בריק און צוגעשריבן צוואָנציק טויזנט פאַר האָלץ, בעת דאָרט איז פאַר הונדערט רובל נישט געווען. איך האָב דיר געהאָלפן, דו קאָזע-בערדל! דו האָסט פאַרגעסן? איך? ווען איך וואָלט וועלן, פאַרשיקט מען דיך קיין סיביר — וואָס זאָגסטו, האַ?

איינער פון די סוחרים

שולדיק, אַנטאָן אַנטאָנאָוויטש! דער שד האָט אָנגערעדט. מיר וועלן שוין פאַרזאָגן אַ צענטן זיך נישט צו באַקלאָגן. וואָס איר פאַרלאַנגט— אַבי בייזערט זיך נישט.

דער גאָראָדניטשי

זיך נישט בייזערן? אָט ליגסטו איצט בײַ מיינע פיס, פאַר וואָס? דערפאַר, ווייל איך האָב געזיגט. און ווען עס וואָלט נאָר אַריבער-געוויגן אויף דיין זייט, דאַן וואָלסטו מיך, קאַנאַליע, אין שמוץ געטראָטן און נאָך מיט אַ קלאָץ צוגעדריקט.

די סוחרים (בייגן זיך נידעריק צו די פיס)

מאַך אונדז נישט אומגליקלעך, אַנטאָן אַנטאָנאָוויטש!

דער גאָראָדניטשי

„מאַך אונדז נישט אומגליקלעך, מאַך אונדז נישט אומגליקלעך“, און פריער, וואָס איז געווען? איך וואָלט אייך. (גיט א מאך מיט דער האנט) נו, גענוג, זאָל גאָט אייך מוחל זיין. איך האָב נישט קיין בייזן זיכרון. נאָר איצטער, געדענק. איך מאַך חתונה מיין טאָכטער נישט פאַר אַבי וועמען. זאָל דאָס אָבער זיין אַ מתנה... פאַרשטייסט, זאָלסט נישט טראַכטן אָפּצוקומען מיט אַ פּישל, צי מיט אַ קעפּל צוקער, נו, גייט אייך געזונטערהייט! (די סוחרים גייען אוועק)

## בילד III.

### די זעלבע, אמאָס פּיאַדאַראָוויטש, אַרטעמי פיליפּאָוויטש, דערנאָך ראַסטאַקאָווסקי.

**אַמאָס פּיאָדאָראָוויטש** (נאָך אין טיר)

זאָל מען גלייבן די קלאַנגען, אַנטאָן אַנטאָנאָוויטש. איך איז אַראָפּגעפאַלן אַ גרויס גליק?

**אַרטעמי פיליפּאָוויטש**

איך האָב דעם כבוד אייך צו גראַטולירן מיט אַזאַ אומגעוויינליך גליק! איך האָב מיך האַרציק דערפרייט, ווען איך האָב עס דערהערט. אַנאַ אַנדרעעוונאַ (גייט צו צו אנא אנדרעעוונא, נעמט איר האנט) מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ! (גייט צו צו מאריא אנטאָנאוונא, נעמט איר האנט)

**ראַסטאַקאָווסקי** (קומט אריין)

איך באַגריס אַנטאָן אַנטאָנאָוויטשן! זאָל גאָט אים דערלענגערן זיינע יאָרן, אים און דעם יונגן פּאָר. זאָל גאָט געבן אַ גליקלעך דור, אייניקלעך און אוראייניקלעך, אַנאַ אַנדרעעוונאַ! (גייט צו צו אנא אנדרעעוונא, נעמט איר האנט) מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ! (גייט צו צו מאריא אנטאָנאוונא, נעמט איר האנט)

## בילד IV.

### די זעלבע, קאָראָבקין מיט זיין פרוי, לולוקאָוו.

**קאָראָבקין**

איך האָב דעם כבוד צו גראַטולירן אַנטאָן אַנטאָנאָוויטשן! אַנאַ אַנדרעעוונאַ! (גייט צו צו אנא אַנדרעעוונא נעמט איר האנט) מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ! (גייט צו צו מאריא אַנטאָנאָוונא נעמט איר האנט)

**קאָראָבקינס פרוי**

נשמה מיינע, אַנאַ אַנדרעעוונאַ, איך גראַטוליר אייך מיט אייער גליק.

**לולוקאָוו**

איך האָב דעם כבוד צו גראַטולירן אַנאַ אַנדרעעוונאַ! גייט צו, נעמט איר האנט און דערנאָך קלאַפּט ער צו מיט דער צונג צו אַלעמען מעשה בריה).

## בילד V.

אסך געסט, יומטובדיק אָנגעטאָן, גייען צוערשט צו אַנאַ אַנדרעעווגאַ, נעמען איר האַנט, מיט דער פראַזע. „אַנאַ אַנדרעעווגאַ!" צו מאַריאַ אַנטאָנאָווגאַ מיט דער פראַזע: „מאַריאַ אַנטאָנאָווגאַ!" באָבטשינסקי און דאָבטשינסקי שטופּן זיך אַריין.

באָבטשינסקי:

איך האָב דעם כבוד צו גראַטולירן!

דאָבטשינסקי

אַנטאָן אַנטאָנאָוויטש, איך האָב דעם כבוד צו גראַטולירן!

באָבטשינסקי

מיט דער גליקלעכער געשעעניש.

דאָבטשינסקי

אַנאַ אַנדרעעווגאַ!

באָבטשינסקי

אַנאַ אַנדרעעווגאַ! (ביידע גייען צו אין דער זעלבער צייט און צעקלאַפּן זיך מיט די שטערנס)

דאָבטשינסקי

מאַריאַ אַנטאָנאָווגאַ! (גייט=צו, נעמט איר האַנט) איך האָב דעם כבוד צו גראַטולירן, איר וועט האָבן אַסך, אַסך גליק, און אַ גאָלדן קלייד וועט איר גיין און איידעלע זופּן וועט איר עסן, איר וועט זייער אינטערעסאַנט די צייט פאַרברענגען.

באָבטשינסקי (שלאָגט=איבער)

מאַריאַ אַנטאָנאָווגאַ, איך האָב דעם כבוד צו גראַטולירן. זאָל גאָט געבן אַלע רייכקייטן, רענדלעך און אַ זונדעלע, אָט, אַזאַ, אָט אַזאַ, (ווייזט מיט דער האַנד) מען זאָל אים קאָנען אָט אויף דער האַנט אויפקוועצן, יאָ, און דאָס ייִנגעלע וועט כסדר שרייען: אוּ=אַ, אוּ=אַ.

## בילד VI.

### נאָך עטלעכע געסט, גייען אַלע צו, רירן אָן די האַנט. לוקאַ לוקיטש מיט זיין פרוי.

לוקאַ לוקיטש

איך האָב דעם כבוד...

לוקאַ לוקיטשס פרוי (לויפט פאַרויס)

איך גראַטוליר אייך, אַנאַ אַנדרעעוונאַ! (קושן זיך) איך האָב זיך אזוי דערפרייט. מען זאָגט צו מיר „אַנאַ אַנדרעעוונאַ מאַכט חתונה די טאָכטער". „אַך, נאָט מיינער",—האָב איך אַ טראַכט געטאָן, און איך האָב מיך אַזוי דערפרייט און געזאָגט גלייך צו מיין מאַן: „הער זיך איין, לוקאַ לוקאַנטשיק! סאַר אַ גליק עס איז באַשערט אַנאַ אַנדרעוונאַן!" „נו",—טראַכט איך מיר: „גאָט צו דאַנקען", און זאָג צו אים: „איך בין אזוי איבערראַשט און אַנטציקט, איך מוז עס גלייך מיטטיילן אַנאַ אַנדרעעוונאַן". „אַך גאָט מיינער",—טראַכט איך: „אַנאַ אַנדרעעוונאַ האָט אַלץ געוואַרט אויף אַ גוטן שידוך פאַר איר טאָכטער... און איצט אַזאַ מזל!" איך האָב מיך אזוי דערפרייט, איך האָב רעדן נישט געקאָנט, כסדר אַלץ געוויינט! געוויינט און געיאָמערט. ביז לוקאַ לוקיטש האָט באַ מיר געפרעגט: „וואָס יאָמערסטו, נאַסטענקע?" „לוקאַנטשין",—זאָג איך צו אים—„איך ווייס אַליין נישט, וואָס איך וויין, די טרערן גיסן זיך אַליין".

**דער גאָראָדניטשי**

איך בעט האַרציק אַלעמען זיצן, מיינע הערן! העי, מישקאַ! ברענג נאָך אַריין וואָס מער שטולן! (די געסט זעצן זיך)

## בילד VII.

### די זעלבע, דער פריסטאַוו און די פּאָליציאַנטן.

**דער פריסטאַוו**

איך האָב דעם כבוד אייך צו גראַטולירן און ווינשן לאַנגע מזלדיקע יאָר.

**דער גאָראָדניטשי**

איך דאַנק אייך, איך דאַנק אייך, זעצט זיך, מיינע הערן! (די געסט זעצן זיך).

**אַמאָס פיאָדאָראָוויטש**

אַנטאָן אַנטאָנאָוויטש! דערציילט אונדז אָבער, ווי אַזוי האָט זיך עס אַלץ אָנגעהויבן, ווי אזוי איז עס צוגעגאַנגען די גאַנצע געשיכטע?

**דער גאָראָדניטשי**

אומגעוויינלעך! ער אַליין האָט פערזענלעך געמאַכט דעם פאָרשלאַג.

**אַנאַ אַנדרעעוונאַ**

איף אַ גאַנץ איידלען און דרך־ארצדיקן אופן. ער האָט זעלטן

שיין גערעדט. געזאָגט אָט ער אַזוי: „פון טיפער אַכטונג צו אייך, אַנאַ אַנדרעעוונאַ !" אַזאַ שיינער און דערצויגענער מענטש: „איר וועט מיר גלייבן, אַנאַ אַנדרעעוונאַ, מיין לעבן איז בײַ מיר — אַ גראָשן, און נאָר דערפאַר, ווייל איך שעץ אייערע זעלטענע מעלות".

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

אַך, מאַמענקע, דאָס האָט ער דאָך צו מיר געזאָגט.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

לאָז געמאַך, דו ווייסט גאָרנישט און מיש זיך נישט אין פרעמדע ענינים: „אַנאַ אַנדרעעוונאַ, איך בין איבערראַשט". סאַר אַ קאָמפּלימענטן ער האָט עס מיר געטיילט. און ווען איך האָב אים געוואָלט זאָגן: „מיר האָבן נישט קיין העזה צו האָפן אויף אַזאַ כבוד", איז ער פּלוצלינג געפאַלן אויף די קני און אויפן איידלסטן אופן געזאָגט: „אַנאַ אַנדרעעוונאַ! מאַכט מיך נישט פאַרן אומגליקלכסטן, ענטפערט מיר אויף מיינע געפילן, אויב נישט, וועל איך מיטן טויט פאַרענדיקן".

מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ

דאָס אַלץ האָט ער דאָך מיר געזאָגט, מאַמענקע !

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

יאָ, אַוודאי... אויך וועגן דיר, איך לייקן דאָס נישט אָפּ.

דער גאָראָדניטשי

און ער האָט אַזוי אָנגעשראָקן, „איך וועל זיך דערשיסן, — האָט ער געזאָגט, —דערשיסן!" „דערשיסן!".

עטלעכע פון די געסט

וואָס איר רעדט...

אַמאָס פיאָדאָראָוויטש

הער אַ מעשה !..

לוקאַ לוקיטש

אַז עס איז באַשערט! אַזאַ גורל !

אַרטעמי פיליפּאָוויטש

נישט דער גורל. דער גורל איז אַן אינדיק. די פאַרדינסטן האָבן געבראַכט דער צו. (אָן דער זייט) אָט דעם חזיר, קריכט דאָס גליק גלייך אין מויל אַריין.

אַמאָס פּיאָדאָראָוויטש

איך וועל אייך פּאַרקויפן, אויב איר וועט עס פּאַרלאַנגען דעם אָגערל, וואָס איר האָט געהאַנדלט...

דער גאָראָדניטשי

ניין, איצט קריכן מיר נישט אין קאָפּ קיין אָגערלעך.

אַמאָס פּיאָדאָראָוויטש

אפשר ווילט איר אַ הינטעלע?

קאָראָבקינס ווייב

אַך, אַנאַ אַנדרעעוונאַ, בין איך צופרידן פון אייער גליק, איר קאָנט זיך גאָרנישט פּאָרשטעלן!

קאָראָבקין

ווו-זשע געפינט זיך איצטער דער באַרימטער גאַסט? איך האָב געהערט, אַז ער איז אוועקגעפאָרן.

דער גאָראָדניטשי

אויף איין טאָג, וועגן אַ וויכטיקן ענין געפאָרן.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

צו זיין פעטער, בעטן אַ ברכה.

דער גאָראָדניטשי

אויסבעטן אַ ברכה... נאָר מאָרגן (ניסס, עס שיטן זיך גראַטולאַציעס) איך דאַנק אייך זייער, נאָר מאָרגן קומט ער צוריק. (ניסט, נאָך באַגריסונגען עס הערן זיך שטימען)

דער פּריסטאַוו

מיר ווינטשן אייך געזונט! וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע.

באָבטשינסקי

הונדערט יאָר און אַ זאַק רענדלעך!

דאָבטשינסקי

זאָל גאָט פאַרלענגערן אייערע יאָרן.

אַרטעמי פּיליפּאָוויטש

זאָלסט באַגראָבן ווערן!

קאָראָבקינס ווייב

זאָל דיך נעמען דער טייוול!

ד ע ר  ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י

איך דאַנק אייך זייער, איך ווינטש אייך אויך.

אַ נ אַ  אַ נ ד ר ע ע ו ו נ אַ

מיר טראַכטן איצט צו לעבן אין פּעטערבורג. דאָ איז אַזאַ לופט... שוין צופיל דאָרפיש... מיין ווייט מאַן דאַכט זיך ווערן אַ גענעראַל.

ד ע ר  ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י

איך בין זיך מודה, מיינע הערן! איך וואָלט זייער וועלן זיין אַ גענעראַל.

ל ו ק אַ  ל ו ק י ט ש

איר וועט ווערן, גאָט וועט העלפן!

ר אַ ס ט אַ ק אָ ו ו ס ק י

באַ גאָט איז אַלץ מעגלעך.

אַ מ אָ ס  פ י אָ ד אָ ר אָ ו ו י ט ש

אַ גרויסע שיף—אַ ווייטשווימען.

אַ ר ט ע מ י  פ י ל י פּ אָ ו ו י ט ש

דער כבוד קומט לויט די פאַרדינסטן.

אַ מ אָ ס  פ י אָ ד אָ ר אָ ו ו י ט ש : (אָן דער זייט)

וועט ער דאָס אָפּטאָן אַ שטיקל, ווען ער וועט ווערן אַ גענעראַל. עס פּאַסט אים דער גענעראַל, ווי אַ קו אַ זאָטל. אָבער נאָך ווייט דערצו! פאַראַן עפּעס וויכטיקערע פאַר דיר און זענען נאָך ביז היינט נישט קיין גענעראַלן...

א ר ט ע מ י  פ י ל י פּ אָ ו ו י ט ש (אָן דער זייט)

ער קריכט שוין צו ווייט און ווער ווייס, ער וועט אפשר זיין אַ גענעראַל; העזה האָט ער און כיטרע איז ער... ווער ווייס? (ווענדט זיך צו אים) אָבער דעמאָלט, אַנטאָן אַנטאָנאָוויטש, וועט איר אָן אונדז נישט פאַרגעסן?

א מ אָ ס  פ י אָ ד אָ ר אָ ו ו י ט ש

און אויב עס וועט עפּעס פּאַסירן, למשל, עפּעס א נויטווענדיקייט, פאַרגעסט אונדז נישט צו שיצן!

ק אָ ר אָ ב ק י ן

איבער אַ יאָר וועל איך מיין זון אַוועקפירן אין דער הויפּט־שטאָט צו דינען דאָס פאָטערלאַנד, זעט, פאַרלאָזט אים נישט, פּראָטעזשירט

אים, זייט צו אים, ווי אַ פֿאָטער...

דער גאָראָדניטשי

איך וועל פֿון מיין זייט אַלץ טאָן, איך בין גרייט צו דינען.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

דו, אַנטאָשאַ! האָסט שטענדיק ליב צוצוזאָגן. ערשטנס וועסטו נישט האָבן קיין צייט, און ווי קאָן מען זיך באַלאַסטן מיט אַזעלכע צוזאָגענישן?

דער גאָראָדניטשי

פֿאַר וואָס נישט, טייערע, אַמאָל קאָן מען.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

מען קאָן, אַוודאי, נאָר נישט פֿאַר יעדן באַשעפֿעניש.

קאָראָבקינס ווייב

איר האָט געהערט, ווי זי טראַקטירט אונדז?

אַ גאַסט

יאָ, זי איז שטענדיק געווען אַזוי, איך קען זי. זעץ זי אַוועק באַם טיש, קריכט זי מיט די פֿיס...

# בילד VIII.

## די זעלבע, דער פּאָסטמייסטער

(לויפֿט אַריין, מיט אַן אויפֿגעעפֿנטן בריוו אין דער האַנט)

דער פּאָסטמייסטער

אַ וווּנדערבאַרע געשיכטע, מיינע הערן! דעם באַאַמטן, וואָס איר האָט אָנגענומען פֿאַר אַ רעוויזאָר, איז גאָר נישט קיין רעוויזאָר.

אַלע

וואָס הייסט, נישט קיין רעוויזאָר?

דער פּאָסטמייסטער

גאָר קיין רעוויזאָר נישט — איך האָב זיך עס דערוווּסט פֿון אַ בריוו.

דער גאָראָדניטשי

וואָס רעדט איר? פֿון וועלכן בריוו?

דער פּאָסטמייסטער

יאָ, פון זיינעם אַ בריוו. מען ברענגט מיר אויף דער פּאָסט אַ בריוו, גיב איך אַ קוק אויפן אַדרעס. לייען איך איבער: „אויף דער פּאָסט־גאַס". בין איך אויפגעציטערט געוואָרן. „נו",—טראַכט איך מיר,— „אַוודאי האָט ער עפּעס אַן אומאָרדנונג געפונען בײַ מיר און ער גיט עס צו וויסן, וווּ מען באַדאַרף. האָב איך גענומען דעם בריוו און געעפנט.

דער גאָראָדניטשי

ווי אַזוי האָט איר עס?

דער פּאָסטמייסטער

איך ווייס אַליין נישט, ווי. אַן אומנאַטירלעכע קראַפט האָט מיך דערצו געטריבן. איך האָב עס שוין געוואָלט אַוועקשיקן, נאָר די נייגעריקייט האָט מיך פאַרכאַפּט. עס האָט געצויגן און געצויגן. אין איין אויער הער איך: „העי, עפן נישט אויף, וועסט פאַרפאַלן ווערן", און אין צווייטן האָט אַ שדל אָנגערעדט: „עפן, עפן!" האָב איך עס געעפנט.

דער גאָראָדניטשי

ווי אַזוי האָט איר זיך דערוועגט צו עפענען אַ בריוו פון אַזאַ באַפולמעכטיקטע פּערזאָן?

דער פּאָסטמייסטער

אָט אין דעם איז דאָך די גאַנצע זאַך: ער איז נישט באַפולמעכטיקט און איז נישט קיין פּערזאָן.

דער גאָראָדניטשי

טאָ וואָס זשע איז ער, לויט אייער מיינונג?

דער פּאָסטמייסטער

נישט דאָס און נישט יענץ. דער טייוול ווייס אים, וואָס ער איז

דער גאָראָדניטשי (אויפגערעגט)

וואָס הייסט: נישט דאָס, נישט יענץ? ווי אַזוי דערוועגט איר זיך אים אָנצורופן נישט דאָס, נישט יענץ און נאָך דערצו, דער טייוול ווייס אים וואָס! איך וועל אייך אַרעסטירן...

דער פּאָסטמייסטער

ווער? איר?

**דער גאָראָדניטשי**

יאָ, איך!

**דער פּאָסטמייסטער**

צו קורץ די הענט.

**דער גאָראָדניטשי**

איר ווייסט דען נישט, ער גייט התונה האָבן מיט מיין טאָכטער. איך וועל זיין אַ יחסן, איך קאָן אייך קיין סיביר אַוועקפּעקלען.

**דער פּאָסטמייסטער**

עך, אַנטאָן אַנטאָנאָוויטש! וואָס הייסט סיביר? סיביר איז ווייט. איך וועל אייך בעסער איבערלייענען דעם בריוו... מיינע הערן! איר דערלויבט?

**אַלע**

לייענט, לייענט!

**דער פּאָסטמייסטער** (לייענט)

„איך אייל מיך דיר מודיע צו זיין, טייערער טריאַפּיטשקין, וואָס פאַר אַ וואונדער מיט מיר איז דאָ געשעען: אין וועג האָב איך אַלץ פאַרשפּילט בּאַ אַ פיעכאָטע-קאַפּיטאַן, אַזוי, אַז דער טראַקטירשטשיק האָט מיך שוין געוואָלט אַריינזעצן אין תּפיסה. מיט אַמאָל האָט מיך די גאַנצע שטאָט, צוליב מיין פּעטערבורגער פיזיאָנאָמיע, אָנגענומען פאַר גענעראַל-גובּערנאַטאָר. און איצט וווין איך בּאַם גאָראָדנימשי, פלירטעווע מיט זיין ווייב און טאָכטער אויף וואָס די וועלט שטייט. איך קאָן מיך נאָך נישט בּאַשליסן, מיט וועלכער פריער אָנצוהייבן. פונדעסטוועגן טראַכט איך, אַז פריער, מיט דער מאַמעשי, ווייל זי איז בּאַלד גרייט אויף אַלץ. געדענקסט, ווי מיר האָבן בּיידע געהונגערט און ווי דער צוקערניק האָט מיך איינמאָל געכאַפּט פאַרן קאָלנער, ווייל איך האָב אויפגעגעסן עטלעכע טשאַסטעס אויף דעם רעכנונג פון ענגלישן קעניג? איצט איז אַן אַנדער לעבן. אַלע גיבן מיר הלוואות, וויפל איך בּאַדאַרף... שרעקלעכע אָריגינאַלן. מען קאָן שטאַרבן פון געלעכטער. דו שרייבסט דאָך עפּעס אין די צייטונגען, טאָ שרייב אָן וועגן דעם: צו ערשט, אַז דער גאָראָדניטשי, איז נאַריש, ווי אַ פערד".

ד ע ר  ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י

עס קאָן נישט זיין, דאָרט איז עס נישט פאַראַן.

ד ע ר  פ אָ ס ט מ י י ס ט ע ר (ווייזט אים דעם בריוו)

לייענט אַליין!

ד ע ר  ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י (לייענט)

„נאַריש ווי אַ פערד", עס קאָן נישט זיין! איר האָט עס אַליין אַנ־געשריבן.

ד ע ר  פ אָ ס ט מ י י ס ט ע ר

צו וואָס זאָל איך עס שרייבן?

אַ ר ט ע מ י  פ י ל י פ אָ ו י ט ש

לייענט!

ל ו ק אַ  ל ו ק י ט ש

לייענט!

ד ע ר  פ אָ ס ט מ י י ס ט ע ר (לייענט ווייטער)

„דער גאָראָדניטשי איז נאַריש, ווי אַ פערד".

ד ע ר  ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י

דער טייוול, נאָך געדאַרפט איבערחזרן...

ד ע ר  פ אָ ס ט מ י י ס ט ע ר (לייענט ווייטער)

„נאַריש ווי אַ פערד". „דער פּאָסטמייסטער איז אויך אַ ווויל־ער מענטש". (הערט אויף צו לייענען) דאָ דריקט ער זיך אויס װעגן מיר נישט אָנשטענדיק אויס.

ד ע ר  ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י

ניין, לייענט!

ד ע ר  פ אָ ס ט מ י י ס ט ע ר

אָבער, צו וואָס?

ד ע ר  ג אָ ר אָ ד נ י ט ש י

ניין, כאַפּט עס דער טייוול. אויב לייענען—איז לייענען. לייענט אַלץ.

אַ ר ט ע מ י  פ י ל י פ אָ ו י ט ש

דערלויב מיר, איך וועל איבערלייענען. (טוט אָן די ברילן און לייענט)

„דער פּאָסטמייסטער איז ווי צוויי טראָפּענס וואַסער דער סטאָראָזש מיכעעוו פון אונדזער דעפּאַרטאַמענט און װײַזט אויס אַ פּיינער

פּאַדלעץ, טרינקט אַ סך".

ד ע ר  פ אָ ס ט מ י י ס ט ע ר (צו אַלעמען)

אַ פּאַסקודנע יינגל, וועלכן מען האָט באַדאַרפט אָפּשמייסן, נישט מער!

אַ ר ט ע מ י  פ י ל י פּ אָ ו ו י ט ש (לייענט ווייטער)

„דער פּאָפּעטשיטעל" (שטאַמלט צו)

ק אָ ר אָ ב ק י ן

וואָס האָט איר זיך אָפּגעשטעלט?

אַ ר ט ע מ י  פ י ל י פּ אָ ו ו י ט ש

נישט קלאָר אָנגעשריבן. סיי־ווי־סיי זעט מען, אַז דאָס איז אַ פּאַד־לעץ.

ק אָ ר אָ ב ק י ן

ווייזט, אהער, באַ מיר זענען בעסערע אויגן. (נעמט דעם בריוו)

אַ ר ט ע מ י  פ י ל י פּ אָ ו ו י ט ש (גיט נישט דעם בריוו)

ניין, די שורה מעג מען דורכלאָזן און ווייטער איז דייטלעך.

ק אָ ר אָ ב ק י ן

אָבער, ערלויבט מיר, איך וועל שוין...

אַ ר ט ע מ י  פ י ל י פּ אָ ו ו י ט ש

איך וועל אַליין דורכלייענען. דאָס איבעריקע איז אַלץ דייטלעך.

ד ע ר  פ אָ ס ט מ י י ס ט ע ר

ניין, לייענט אַלץ, פריער האָט מען דאָך אַלץ געלייענט.

אַ ל ע

גיט אָפּ דעם בריוו, אַרטעמי פיליפּאָוויטש, גיט אָפּ! (צו קאָראָבקינען) לייענט!

אַ ר ט ע מ י  פ י ל י פּ אָ ו ו י ט ש

באַלד. (גיט אָפּ דעם בריוו) זייט אַזוי גוט. (פאַרדעקט מיט די פינגער) אָט פון דאַנעט לייענט. (אַלע דערגענטערן זיך)

ד ע ר  פ אָ ס ט מ י י ס ט ע ר

לייענט, לייענט, אַלץ לייענט!

ק אָ ר אָ ב ק י ן (לייענט)

„דער פּאַפּעטשיטעל איבער די צדקה הייזער, זעמליאַניקאַ, איז אַן

אמתדיק חזיר אין אַ יאַרמעלקע".

אַרטעמי פיליפּאָוויטש (צו אַלעמען)

און נישט קלוג! אַ חזיר אין אַ יאַרמעלקע! האָט איר געזען אַ חזיר אין אַ יאַרמעלקע?

קאָראָבקין (לייענט ווייטער)

„דער שול־אויפזעער שטינקט מיט ציבעלע".

לוקאַ לוקיטש (צו אַלעמען)

איך שווער בײַ גאָט, איך האָב אין מײַן מויל קיין ציבעלע קיינמאָל נישט געהאַט.

אַמאָס פיאָדאָראָוויטש (אָן דער זײַט)

גאָט צו דאַנקען, וועגן מיר איז גאָרנישט פאַראַן.

קאָראָבקין (לייענט)

„דער ריכטער"...

אַמאָס פיאָדאָראָוויטש

אָט האָסטו דיר! מײַנע הערן, איך טראַכט, אַז דער בריוו איז צו לאַנג און צו וואָס באַדאַרף מען דאָס לייענען אַזאַ חזירײַ?

לוקאַ לוקיטש

ניין!

דער פּאָסטמייסטער

ניין, לייענט!

אַרטעמי פיליפּאָוויטש

ניין, לייענט טאַקע!

קאָראָבקין (לייענט)

„דער ריכטער ליאַפּקין־טיאַפּקין איז אין פולן זין פון וואָרט אַ מאָווועטאָן" (שטעלט זיך אָפּ) ווייזט אויס, אַ פראַנצויזיש וואָרט...

אַמאָס פיאָדאָראָוויטש

דער טײַוול ווייסט אים, וואָס דאָס באַדײַט? נאָך גוט, אויב — מאַשעניק און אפשר נאָך עפּעס ערגער!

קאָראָבקין (לייענט ווײַטער)

נאָר אין אַלגעמיין איז דאָס אַ גאַסטפרײַנטלעכער און גוטמוטיקער עולם. זײַ געזונט, טײַערער טריאַפּיטשקין! איך וויל אַליין אויך,

לויט דיין בײַשפּיל, ווערן אַ ליטעראַט. אומעטיק, ברודער, אַזוי צו לעבן, זוכסט עפּעס שפּייז פאַר דער נשמה. שרייב צו מיר אין סאַראַטאָווער גובערניע און פון דאָרטן אין דאָרף פּאָדקאַטילאָווקאַ". (קערט איבער דעם בריוו און לייענט דעם אדרעס) צום בנעדיקן הער, איוואַן וואַסיליעוויטש טריאַפּיטשקין. סאַנקט-פּעטערבורג, אויף דער פּאָסט-גאַס, אונטערן נומער 97, אויפן הויף רעכטס, אויפן דריטן שטאָק.

**איינע פון די דאַמען**

סאַר אַן אומערוואַרטעטער סיורפּריז!

**דער גאָראָדניטשי**

אָט וואָס הייסט געשאָכטן, אויף טויט געשאָכטן, דערהרגעט, דער-הרגט, דערהרגעט. איך זע גאָרנישט, עפּעס חזירישע צורות שטאָט מענטשן. ברענגט אים צוריק, ברענגט אים צוריק. (מאַכט מיט די הענט).

**דער פּאָסטמייסטער**

ווו? ווען ברענגען? איך האָב ווי אויף צו להכעיס געהייסן געבן די בעסטע טראָיקעפערד.

**קאָראָבקינס ווייב**

אַ חתונה! אַן אמתע חתונה!

**אַמאָס פיאָדאָראָוויטש**

דריי הונדערט רובל האָט ער בײַ מיר געבאָרגט.

**אַרטעמי פיליפּאָוויטש**

בײַ מיר אויך דריי הונדערט רובל.

**דער פּאָסטמייסטער**

אַך, און בײַ מיר דריי הונדערט רובל.

**באָבטשינסקי**

און בײַ מיר מיט פּיאָטר איוואַנאָוויטשן פינף און זעכציק אין אַסיגנאַציעס.

**אַמאָס פיאָדאָראָוויטש** (ברעכט פאַרצווייפלט די הענט)

ווי אַזוי? ווי אַזוי האָבן מיר זיך דאָס אַזוי געלאָזט אָפּנאַרן?

**דער גאָראָדניטשי** (קלאַפּט זיך אין שטערן)

איך? ניין, איך? אַזאַ אַלטער נאַר! דעם שכל האָב איך שוין אינגאַנצן פאַרלוירן. דרייסיק יאָר אָפּגעדינט, קיין איין סוחר, קיין

איין פּאָדריאַדטשיק, עס האָט זיך קיינעם קיינמאָל נישט איינגעגעבן מיך אָפּצונאַרן. איך האָב די גרעסטע מאַשעניקעס איבערגעקליגט, אַלע שווינדלערס, וואָס וואָלטן, דאַכט זיך, די גאַנצע וועלט פאַר־שווינדלט. דריי גובערנאַטאָרן אָפּגענאַרט. וואָס גובערנאַטאָרן! (מאַכט מיט דער האַנט) עפּעס נאָך העכערס ווי גובערנאַטאָרן.

אַנאַ אַנדרעעוונאַ

אָבער דאָס איז דאָך אוממעגלעך, ער האָט זיך דאָך פאַרקנסט מיט אונזער מאַשענקען.

דער גאָראָדניטשי (מיט הארץ)

פאַרקנסט! אַ פייג מיט האָניג — האָט האָסטו דיר אַ פאַרקנסונג! קריכט מיר איצט אין די אויגן מיט פאַרקנסונג. (מיט ווילדן צאָרן) קוקט זיך, קוקט זיך אַלע איין. די גאַנצע וועלט, די גאַנצע מענ־טשהייט קוקט זיך איין, ווי מען האָט באַנאַרישט דעם גאָראָדניטשי. דעם נאַר, דעם נאַר, דעם אַלטן פּאָדליעץ. (שרעקט זיך אַליין מיט דער פויסט) עך, דו גראָבע נאָז... אַ שמאַטקע האָסטו אָנגענומען פאַר אַ וויכטיקן מענטשן! איצטער קלינגט ער וועגן דעם איבער אַלע וועגן! אויף דער גאַנצער וועלט וועט ער די מעשה פאַרשפּרייטן. און דאָס איז ווייניק, וואָס דו וועסט ווערן לעכערלעך. עס וועט זיך נאָך געפינען אַ שרייבערל, אַ פען־קראַצער, אַ פּאַפּיר־פּאַטשקער און וועט עס אַלץ אין אַ קאָמעדיע אַריינשטעלן. דיין ראַנג, דיין כּבוד וועט ער נישט שאַנעווען און אַלע וועלן שצירען מיט די ציין און פּאַטשן מיט די הענט. וואָס לאַכט איר? פון זיך אַליין לאַכט איר! העי, איר דאָרט! (קלאַפּט מיט די פיס אָן פּאָדלאָגע פון בייזקייט) איך וואָלט די אַלע פּאַפּיר־פּאַטשקערס, די אַלע נפשות, די פאַרשאָלטענע ליבעראַלן, איך וואָלט פון זיי אַלעמען איין קניפּל געמאַכט, אויף מעל וואָלט איך זיי אַלע צעמאָלן און דעם טייוול אין היטל אַריינגעשאָטן. (שרעקט מיט דער פויסט און קלאַפּט מיטן אָפּצאַס די פּאָדלאָגע).

(נאָך אַ קורצן שווייגן).

איך קאָן נאָך אַלץ צו זיך נישט קומען. דאָס איז שוין איינמאָל ריכטיק, אַז גאָט וויל עמיצן באַשטראָפן נעמט ער בײַ אים צו דעם

שכל. צי דען האָט טאַקע דאָס ייִנגל אויסגעזען, ווי אַ רעוויזאָר? מיט וואָס? מיט גאָרנישט. אַפילו אויף די האָר נישט ענלעך געווען און מיט אַמאָל איז ער באַ אַלעמען געוואָרן: אַ רעוויזאָר, אַ רעוויזאָר! ווער האָט עס דער ערשטער דעם קלאַנג געבראַכט, אַז ער איז אַ רעוויזאָר! ענטפערט!

**אַרטעמי פיליפּאָוויטש** (שטעלט פונאַנדער די פּיס).

ווי דאָס האָט פּאַסירט, קאָן איך זיך גאָרנישט ערקלערן. כאָטש דערהרגעט מיך.

**אַמאָס פיאָדאָראָוויטש**

אָבער ווער, ווער האָט געבראַכט דעם ערשטן קלאַנג? אָט אָ די העלדן! (ווייזט אויף דאָבטשינסקין און באָבטשינסקין).

**באָבטשינסקי**

אוי... אוי... איך האָב גאָרנישט געמיינט.

**דאָבטשינסקי**

אוי... איך בין דאָ גאָרנישט.

**אַרטעמי פיליפּאָוויטש**

איר, טאַקע איר!

**לוקאַ לוקיטש**

פאַרשטייט זיך, ווי משוגענע זענט איר געקומען צו לויפן פון טראַקטיר: „געקומען צו פאָרן, געקומען צו פאָרן, און קיין געלט צאָלט ער נישט”. איר האָט עס געפּאַקט דעם פויגל.

**דער גאָראָדניטשי**

אַוודאי איר! רכילות־טרייבער, שטאָט־ליגנער פאַרשאָלטענע!

**אַרטעמי פיליפּאָוויטש**

זאָל אייך דער טייוול נעמען מיט אייער רעוויזאָר און מיט אייערע מעשיות.

**דער גאָראָדניטשי**

איר לויפט אַרום כסדר איבער דער שטאָט און איר טומלט, רכילות־טרייבט איר, קאַלאַקאָטקעס פאַרשאָלטענע, אונטערגעשוירענע קאַטשקעס.

**אַמאָס פיאָדאָראָוויטש**

פּלאַפּלערס פאַרשאָלטענע!

ל ו ק אַ ל ו ק י ט ש

טשעמאָדאַנעס!

אַ ר ט ע מ י  פ י ל י פ אָ ו י ט ש

קורצע בייכלעך! (אַלע רינגלען זיי אַרום)

ב אָ ב ט ש י נ ס ק י

איך. נישט איך, יעי-באָגו. דאָס איז גאָר פּיאָטר איוואַנאָוויטש.

ד אָ ב ט ש י נ ס ק י

איך נישט, איר זענט דאָך דער ערשטער.

ב אָ ב ט ש י נ ס ק י

ניין, דער ערשטער זענט איר...

# דאָס לעצטע בילד

## די זעלבע און אַ זשאַנדאַרם.

ד ע ר  ז ש אַ נ ד אַ ר ם

אַ באַאַמטער פון פעטערבורג איז געקומען מיט אַ ספּעציעלער שליחות, ער פאָדערט אייך אַלעמען גלייך צו זיך, ער שטייט-איין אין האָטעל.

(די ווערטער ווירקן ווי אַ דונער. אַלע בלייבן ווי פאַרשטיינערט)

אַ שטומע סצענע.

דער גאָראָדניטשי אין מיטן, ווי אַ סלופּ מיט פונאַנדערגעשפּרייטע הענט, אויף דער רעכטער זייט — זיין ווייב און זיין טאָכטער. נאָך זיי דער פּאָסטמייסטער, וועלכער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פראַגע-צייכן. נאָך אים — לוקאַ לוקיטש אַ מאַרלווירענער. באַם ברעג פון דער סצענע — דריי דאַמען צוגערוקט איינע צו דער צווייטער מיט סאַטירישע אויסדריקן אויפן פּנים, וואָס זענען געווענדט צום גאָראָדני-טשי און צו זיין פאַמיליע. אויף דער לינקער זייט פון גאָראָדניטשי — זעמליאַניקאַ, דעם קאָפּ אַביסל אָן דער זייט, ווי ער וואָלט זיך צו עפּעס צו-הערן. נאָך אים, דער ריכטער מיט פונאַנדערגעשפּרייטע הענט, ווי ער וואָלט זיך וועלן אויף דרערד אַוועקזעצן, ער מאַכט עפּעס באַוועגונגען מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט וועלן עפּעס אויס-רופן. נאָך אים קאָראָבקין, מיט אַ האַלב-צוגעמאַכט אויג צום עולם

און מיט אַ איראָנישן בליק אויף דעם גאָראָדניטשי, און באַם סאַמע פרעג נאָך אים, שטייען באָבטשינסקי און דאָבטשינסקי, מיט אָפענע מיילער און מיט אויסגעשטרעקטע הענט איינער צום צווייטן. די איבעריקע געסט בלייבן ווי טלופעס. אַ אַנדערטהאַלבן מינוטן בלייבט דער עולם אין אַזאַ פּאָזע. דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם אַראָפּ.

אין יידיש צום ערשטן מאָל אויפגעפירט אין טעאַטער „צ ע נ ט ר אַ ל"

דעם 8 דעצעמבער 1921

רעזשיסירט פון ה"ה ס אַ מ ב ע ר ג א ו ן ל אַ נ ד אַ ו

## פ ע ר ז אָ נ ע ן:

| | |
|---|---|
| אַנטאָן אַנטאָנאָוויטש סקוואָזניאַק-דמוכאַנאָווסקי (גאָראָדניטשי) | סאַמבערג |
| אַנאַ אַנדרעעוונאַ, זיין פרוי | גאָטליב |
| מאַריאַ אַנטאָנאָוונאַ, זייער טאָכטער | קלאַראַ סעגאַלאָוויטש |
| לוקאַ לוקיטש כלאָפּאָוו, אַ שול-אויפזעער | פיינשטיין |
| אמאס פיאָדאָראָוויטש ליאפּקין-טיאפּקין, אַ ריכטער | ליפּמאַן |
| אַרטעמי פיליפּאָוויטש זעמליאַניקאַ (פּאָפּעטשיטעל) | וויינטרויב |
| איוואַן קוזמיטש שפּעקין, פּאָסט-מייסטער | פאליפאדע |
| פּיאָטר איוואַנאָוויטש דאָבטשינסקי \| שטאָטישע פּריצים | גאדיק |
| פּיאָטר איוואַנאָוויטש באבטשינסקי \| שטאָטישע פּריצים | לעדערמאַן |
| איוואַן אַלעקסאַנדראָוויטש כלעסטאַקאָוו, א באַאמטער פון פּעטערבורג | ז. טורקאָוו |
| אסיפּ, זיין דינער | לאַנדאַו |
| סטעפּאַן איליטש אוכווערטאָוו, אַ פּריסטאַוו | מענגדזשילעווסקי |
| סוויסטונאָוו \| פּאָליציאַנטן | קער |
| דערזשימאָרדאַ \| פּאָליציאַנטן | פישער |
| אַבדולין, א סוחר | קירמאַן |
| פאָווראָניאַ פּעטראָוונאַ פּאָשלעפּקינאַ, א שלאָסערקע | באַרסקאַ-פישער |
| א פרוי פון א אונטעראָפיציר | רייבער |
| מישקע, א דינער | ווידע |
| א טראַקטיר באַדינער | |

* * *